STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07526

FUNKEN IN DER NAKHT

Shaye Zandberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיה זאַנדבערג

*

פונקען אין דער נאַכט

ישעיה זאַנדבערג

פונקען אין דער נאַכט

S. ZANDBERG

ETINCELLS DANS LA NUIT

*

VONKEN IN DE NACHT

„Ojfkum" Publishing House
Tel-Aviv, 2 Melchet Str.

ישעיה זאַנדבערג / פונקען אין דער נאַכט

פאַרלאַג „א ו י פ ק ו ם"
תל־אביב, רח׳ מלצ׳ט,2

©

נ ד פ ס ב י ש ר א ל
Printed in Israel
1965 — תשכ״ה

די צייכנונג פון שער־בלאַט : שמעון דרורי

דפוס „ארזי" בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

פון די זיבן שרייבער־קדושים, וועלכע ווערן דערמאָנט אין דעם בוך,
זענען צוויי אומגעקומען אין פאַרמויערטע געטאָס בימי היטלער;
פיר זענען פאַרפייניקט געוואָרן אין דייטשע טויט־לאַגערן.
און איינער איז געפאַלן אין אוקראַינע,
אין קאַמף קעגן פוילישע פאָגראָמשטשיקעס.
זיי זענען, אַלע, געשטאַלטן פון דער אייביקייט,
אויסשטראַלנדיקע פונקען אין דער פאַרלוירנקייט פון דער נאַכט.
זיך שטרויכלענדיק
אין אַ געמיש פון פאַרבלענדערישע פייערווערק־ליכטער —
וועלן אונדז די הייליקע פונקען פאַרהעלפן
צו זען דעם שווערן, פון זיי אויסגעקליבענעם וועג.
אין אַ וועלט, וווּ דער שוואַכער איז שטענדיק אומגערעכט,
וועט זייער אָנדענק אונדז ראַטעווען פון ייאוש
און שטאַרקן אונדזער וואַקלדיקן גלויבן אינעם מענטש.

י. ז.

צוזאמען געשאפן - צוזאמען געפאלן

ד"ר י.ב. ציפור און בייניש זילבערשטיין

הנאהבים והנעימים בחייהם
ובמותם לא נפרדו.

(שמואל ב׳ — א׳)

עפּעם לייגט זיך די האַנט פון זיך אַליין צו שרייבן וועגן זיי בײדן מיט איין מאָל, ווייל הגם זיי זענען געווען שטאַרק פאַרשיידן, סיי אין זייער גייסטיקער פאַרמירונג און סיי אין זייער אופן שרייבן און געהאַט, יעדער זיין שאַרף־אָנגעצייכנטע פּערזענלעכקייט, האָט מען זיי אין בעלגיע תמיד באַטראַכט שיער נישט ווי אַ צווילינג.

ביידע זענען זיי געווען פּאָפּולער ביי יידן; ביידע זענען זיי געווען די מאַטאָרן, וואָס האָבן געלאָזט אין גאַנג דאָס יידישע קולטור־לעבן, עס געהאַלטן געשפּאַנט און מיטגעריסן מיט זייער זעלטענער וויטאַליטעט יעדן, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ מינדסטן ווילן עפּעס צו טאָן אויף דעם שטח.

ביידע האָבן זיי געלעבט אין דעם וועלט־באַקאַנטן יידישן אַנט־ווערפּן, און ווען ד״ר ציפּור פּאַרלאַזט, אין 1936, די שטאָט און באַזעצט זיך אין בריסל, בלייבט ער אָבער ווייטער אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט זיין אַלטער עגאָ פון אַנטווערפּן, און ווידער זעט מען זיי צוזאַמען, אַ מאָל דאָ און אַ מאָל דאָרט, און מען הערט נישט אויף אָנצורופן זייערע נעמען בנשימה אחת.

און אויך אונטער דער נאַצישער הערשאַפט אין בעלגיע האָבן זיי געהאַט דעם זעלביקן טראַגישן גורל. ביידע זענען זיי געוואָרן אַוועקגעפירט אין די דייטשע לאַגערן און ביידע זענען זיי דאָרט אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט; און אין די דייטשע לאַגערן זענען אויך אומגעקומען זייערע ביידנס געראָטענע בני־יחידים.

און נאָך היינט, מער ווי צוויי יאָרצענדליקער נאָך זייער טראַגישן אומקום, רעדט מען אין בעלגיע נישט אַרום איינעמס נאָמען,

אַז מען זאָל נישט גלייכצייטיק אויך אָנרופן דעם נאָמען פּונעם צווייטן.

און אויב זאָגט מען דעם נאָמען ציפּור אַרוים פריער, איז דאָס אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט מער אימפּאָנירט מיט זיינע דיכטע־רישע דראַמעס, וועלכע זענען געשפּילט געוואָרן מיטן גרעסטן דערפאָלג און אויך מיט זיינע לידער, וואָס דער עולם זינגט זיי נאָך היינט צו טאָג.

אָבער ביידע זענען געווען שטאַרק חשוב פאַרן בעלגישן יישוב, ווו זיי זענען געווען איינגעשפּאַנט אַ גאַנץ יאָר אין דעם שווערן וואָגן פון דער יידישער קולטור־אַרבעט.

און פּונקט ווי ס'איז געווען צו שטוינען, צו זען ווי דער „אַלטער" ציפּור, חוץ דעם, וואָס ער קומט אַלע מאָל אַרוים מיט פרישע לידער, עסייען און דראַמעס, קלעקט אים נאָך צייט צו זיין לערער און דירעקטאָר פון די י. ל. פּרץ־שולן; באַווייזט ער נאָך איינצוורעזשי־סירן זיינס אַ פּיעסע מיט אַ דראַם־קרייז אין בריסל, צי אַנטווערפּן; גיט ער נאָך ציקלען רעפעראַטן אויף די פאַרשיידנסטע טעמעס; פאַרנעמט ער זיך מיט ווערבירן נייע מיטגלידער פאַרן דורך אים געגרינדעטן „ליטאַרט" (פאַראיין פון ליטעראַטן און אַרטיסטן).

אַזוי איז אויך געווען וווּנדערלעך צו זען ווי ביניש זילבער־שטיין, אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט אין אַ שטענדיקער דחקות, געאַרבעט אין אַן אויסגעקילטער שטוב מיט אַ ליידיקן מאָגן, גע־צוויגן קוים חיונה פון זיין קליין געוועלבל, איז געווען אַ חידוש צו זען ווי ער האָט באַוויזן מיט ניסים אַרויסצוגעבן אין פאַרלויף פון קנאַפּע צוויי יאָר צייט זיין חודש־זשורנאַל „פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט, וויסנשאַפט און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען", שוין נישט רעדנדיק וועגן זיין שטענדיקער פאַרטועונקייט אין אַלע אָפּצווייגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די יישובים פון לאַנד.

שווער צו שרייבן היינט וועגן די צוויי פילאַרן פון יידישן לעבן

פון פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָבנדיק אונטער דער האַנט בלויז אַ קליינעם טייל פון די מאַטעריאַלן, וועלכע זענען נייטיק צו אַזאַ אחריותפולער אַרבעט. אָבער די אויפגאַבע ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ שווערער, און ס׳קען נישט געמאָלט זיין, אַז מען זאָל לאָזן פאַר־לוירן גיין זייער גערעכעניש אָן אַ שפור. זענען זיי דאָך געווען נישט בלויז שרייבערס ביי יידן, נייערט — זיילן פון נישט לאַנג פאַר־גאַנגענעם, פולסירנדיקן יידישן לעבן אין מערב-אייראָפע.

לאָמיר זיי דערמאָנען מיטן געהעריקן יראת הכבוד, וואָס מיר זענען זיי שולדיק געבליבן. ווייל אויב אין אונדזערע טעג קומען זיך נאָך יידן צוזאַמען און זינגען „די קאַפעליע״, צי אַנדערע יידישע לידער; אויב ס׳דערמאָנען זיך נאָך היינט יידן, אַז ס׳זענען אַ מאָל געווען אין דער וועלט „בעלגישע בלעטער״; אויב עס איז נאָך היינט אין בעלגיע פאַראַן אַן אָנרעגונג אויף צו טאָן עפּעס אַ קולטור־אַרבעט, האָבן מיר עס דאָך צו פאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס דער דינאַמישקייט פון זייער מסירות-נפשדיקער איבערגעגעבנקייט אויפצוהאַלטן אין אונדז דעם דאָזיקן פונק, אַז ער זאָל נישט ענד־גילטיק פאַרלאָשן ווערן!

ד"ר י. ב. ציפור

(1942 — 1884)

ד"ר י. ב. ציפור

פאָטאָגראַפירט אין לאָקאַל פון דער פרץ־שול אין בריסל, ווו ער איז געווען לערער און דירעקטאָר

יצחק שטערקמאַן, וועמענס שרייבערישער פּסעוודאָנים איז געווען י. ב. ציפּור, איז געבוירן געוואָרן אין פאַלעשטי, בעסאַראַביע, אין יאָר 1888. אין עלטער פון פיר יאָר קומט ער מיט זיינע עלטערן קיין פּאַריז, וווּ ער באַקומט זיין שול-בילדונג און וווּ ער ענדיקט שפּעטער זיין שטודיע, מיטן טיטל פון ד"ר פילאָזאָפיע.

זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן פאַרעפנטלעכט ער אין אַ פראַנצויזישן זשורנאַל און פיר יאָר שפּעטער (1912) פאַרלאָזט ער פּאַריז און באַזעצט זיך אין וואַרשע, וווּ די יידישע ליטעראַטור איז דעמאָלט געווען אין איר בליענדיקן אויפשטייג. אין זעלביקן יאָר דערשיינען דאָרט זיינע ערשטע אַרטיקלען אויף יידיש און אונטער דער השפּעה פון י. ל. פרץ גייט ער אין גאַנצן איבער אויף דער דאָזיקער שפּראַך, ביי וועלכער ער וועט בלייבן זיין גאַנץ לעבן.

נאָך דער ערשטער וועלט-מילחמה האָט ער חתונה מיט דער טאָכטער פון רב קאָוואַלסקי פון וולאָצלאַוועק, וווּ ער רעדאַגירט דעם וועכנטלעכן אָרגאַן „אונזער ראַיאָן-צייטונג", וועלכער האָט אָנגע-הויבן צו דערשיינען אין 1927.

אַחוץ צאָל-רייכע אַרטיקלען, קריטישע אָפּהאַנדלונגען, לידער און עסייען, זענען פון אים דערשינען קינדער-דראַמעס ווי: „דער ליגנער", „נחת פון קינדער" און דראַמעס אין פערזן ווי: „די שכינה אין גלות", „אין בבל" אאַנ"ד.

אין „אין בבל", דערשינען אין פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע 1922, גיט דער מחבר איבער די טראַגישע געשעענישן פון די דריי יידישע פירשטן אין בבל: חנניה, מישאל ועזריה, וועלכע זענען די מנהיגים פון די פאַרטריבענע יידן אין לאַנד פון נבוכדנאצר. די דאָזיקע גע-טרייע יידן זאָגן זיך אָפּ צו דינען דעם אָפּגאָט בעל, פאַר וועמען

דער מעכטיקער הערשער פון בבל האָט געלאָזט אויפשטעלן אין טאָל פון דורא אַ גאָלדענעם מיזבח. זיי ווערן דערפאַר אומגעבראַכט פון בלוט-דורשטיקן טיראַן.

אויפן דאָזיקן פאָן שפילט זיך אָפּ די דראַמע פון „שושנה די צנועה” (די פרוי פון פירשט עזריה) מיט די זקנים. דאָס זענען צוויי יידישע שופטים פון בבל, וועלכע זוכן זי צו פאַרפירן און, ווען זי שטעלט זיך אַקעגן, טראַכטן זיי אויף איר אוים אַ בילבול, כדי צו נעמען אין איר נקמה פאַר איר ווידערשטאַנד.

זיין דראַמע „די שכינה אין גלות”, דערשינען אין 1913, איז געבויט אויף דער לעגענדע פון יוסף דילאָ ריינה, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַראָפּצוברענגען משיחן. די אייגענע פּיעסע איז שפּעטער דורך אים געוואָרן איבערגעאַרבעט און איז דערשינען אין 1923, אונטערן טיטל: „ביי די טויערן”.

דער הויפּט-העלד איז דוויד, אַ יונגער למד-וואָווניק, וועלכער גייט אויסלייזן די שכינה פון איר גלות. די סיטרא אחרא איז פאַר-בילדלעכט דורך אַ פרוי, וואָס טראָגט די קליידער פון דער שכינה און האָט אויך איר אויסזען. כדי אויסצולייזן די שכינה, וועלכע אידענטיפיצירט זיך דאָ מיט דער וועלט, מוז מען אַראָפּרייסן דעם שלייער פון דער פאַלשער שכינה, אַנטפּלעקן אַזוי־ערנאָך איר נאַקעטן שקר, דעמאָלט ערשט ווערט זי אָן איר מוראדיקע קראַפט...

אין דער דראַמע גייט אַדורך די געשטאַלט פון משוגענעם — אַ פּאָעט, וואָס זאָגט קענטיק אַרויס די געדאַנקען פון מחבר:

אַז ווויל איז דעם, וואָס קען דעם רוקן בייגן,
און בלייבן תמיד גלייך!
דער בוים שטייט קייגן,
ווערט ער אויסגעריסן.

דער שטן זאָגט:

דער מענטש מוז שלעכטס טאָן, נאָר מיט אַ פרייעם רצון...

דער יונגער למד-וואָווניק, וואָס איז כולו רוחניות, זיגט און... צווייפלט. און דער משוגענער פּאָעט קאָנסטאַטירט, דעמאָלט מיט זיין סאַרקאַזם:

...אויב דער מענטש איז פעיק ווען צו זיגן,
פאַרמאָגט ער אָבער זעלטן מוט גענוג
פון זיין נצחון צו גענידן...

די שדים און נישט-גוטע, וועלכע פירן אַריין דעם מענטש אין אילוזיעס, זיצן געפאַנגען אין ענגן חדרל פון דווידן, איידער ער קומט צוריק נאָך זיין וואַקלדיקן נצחון איבערן שטן, אָבער ס׳קומט דער משוגענער פּאָעט און באַפרייט זיי מיט די ווערטער:

איר פרייד-מבשרים, גליק-פאַרטיילער,
צי האָט דער מענטש אָן אייך דעם מינדסטן ווערט?
וואָס איז דאָס מענטשן-גליק? אַ מידבריש געשפּענסט,
אַ שווינדל-ליכט, וואָס טאַנצט אַ זיג-זאַג,
וואָס פירט אין זומפּ אַריין דעם נאַר.

*

ער פאַרלאָזט פּוילן. קומט קיין פּאַריז און שפּעטער אין בעלגיע, ווו ער באַזעצט זיך אין אַנטווערפּן. ער אַנטוויקלט דאָ אַ רייכע טעטיקייט און שטעלט זיך אין שפּיץ פון אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער גרינדעט די י. ל. פּרץ-שולן אין בריסל און אַנטווערפּן, ווו ער פירט אַליין אָן די לימודים. ער גרינדעט אַ דראַמקרייז אונטערן נאָמען „יונג טעאַטער”, וואָס פירט אויף זיין עפּאָפּייאישע דראַמע „אין אויפשטאַנד” מיט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג. (די דראַמע איז אויך געוואָרן אויפגעפירט אין פּוילן און אין אַמעריקע).

דאָס איז אַ דראַמע אין פערזן, ווו ס׳שפּילט זיך אָפּ דער בונט, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן דער פּוילישער פּויער מאַטשעי כאַם קעגן דער גזירה, וואָס שטאַמט נאָך פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע אונטערן

נאָמען „פּרימוס נאָקטים" (די ערשטע חתונה-נאַכט מוז די כלה געבראַכט ווערן צום פּריץ).

אויף זיין איניציאַטיוו פאַראייניקן זיך אין 39סטן יאָר די דריי עקזיסטירנדיקע דראַמקרייזן פון לינקע פּועלי-ציון, בונד און פּראָקאָר אונטערן נאָמען „דער פאַראייניקטער דראַמקרייז די קאַפּעליע". דער דאָזיקער דראַמקרייז דערגרייכט, אונטער זיין ליטעראַרישער ליטונג, אַ הויכע מדריגה אין דער קליין-קונסט.

ד"ר ציפּור שרייבט אויך לידער פאַר זיינע שולן, אַרטיקלען פאַרן וואָכנבלאַט „די יידישע פּרעסע", וואָס דערשיינט אין אַנט-ווערפּן-בריסל אונטער דער רעדאַקציע פון ה. צוויר (יאַקובאָוויטש); איז מיט-רעדאַקטאָר פון חודש-זשורנאַל „די בעלגישע בלעטער" און גרייט צו צום דרוק אַ ריי ווערק, וועלכע וועלן, צום גרויסן באַ-דויער, קיין מאָל נישט זוכה זיין צו דערזען די ליכטיקע שיין, ווייל ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל דערפאַר זאָרגן.

אין מאַנוסקריפּט געפינען זיך אויך אַזעלכע ווערק, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון פּוילן, ווי דער ראָמאַן „דער זיווג" (אַ פּסיכאָ-אַנאַליטישע שטודיע), „דער פּוקס", אַ דראַמע פון יידישן עמיגראַנטן-לעבן אין פּאַריז; „נייע דורות", אַ דראַמע, געבויט אויף דעם קאָנ-פליקט צווישן עלטערן און יינגערן דור; אַ בוך קריטישע אַרטיקלען אד"ט „יונגע יידישע דיכטערס אין ליכט פון דער פּאָזיטיווער וויסנ-שאַפט"; איבערזעצונגען פון דער וועלט-ליטעראַטור אאַז"וו.

אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן האָט ער פּאַרטיק געמאַכט אַ גרעסערע פּיעסע אד"ט „דויטשלאַנד איבער אַלעס", ווו ער האָט אַרויסגעבראַכט די טראַגישע עפּיזאָדן פון די היטלער-רדיפות. ער האָט די פּיעסע שוין געהאַט איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש און אָפּגעשיקט קיין פּאַריז, ווו זי האָט געזאָלט ווערן אויפגעפירט. אָבער מיטן אויסברוך פון דער מלחמה זענען אַלע פּלענער צעשטערט געוואָרן.

ד״ר י. ב. ציפור איז געווען אַ פּאָעט־דראַמאַטורג, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשלאָסן אין עלפנביינערנעם טורעמל פון דער „ריי־נער״ קונסט. שטייענדיק בראשו ורובו אין מיטן פון געזעלשאַפט־לעכן לעבן, האָט ער געהאַט אויף זיין אַקטיוו אַ שלל אַרבעטן פון פּאַרטיפּטער פּובליציסטיק און עסייאיסטיק. און ווייל ער איז גע־קומען פון צוויי באַזונדערע וועלטן: די פראַנצויזישע קולטור־וועלט און יידיש־לאַנד, איז ער געווען אַדורכגעדרונגען פוןביידע קולטורן און, ווי ס׳דריקט זיך אוים וועגן אים ה. צוויר, דער געוועזענער רע־דאַקטאָר פון „די יידישע פּרעסע״, איז ציפּורס סטיל געווען אַ סינ־טעזע פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט און פראַנצויזישער עלעגאַנץ.

✶

ס׳ליגט פאַר אונדז אַן איינטריטס־קאַרט אויף אַן אונטערנע־מונג[1], וואָס איז געווען איינגעאָרדנט פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון יידישער ליטעראַטור און קונסט״ אויף זונטיק, דעם צוועלפטן מאַי ניינצן פערציק אין בריסל.

דאָס האָט, לויטן טעקסט פון דער קאַרט, געזאָלט זיין „אַ רייכער טעאַטראַליש־מוזיקאַלישער אָוונט געווידמעט די ווערק פון באַקאַנטן דיכטער־דראַמאַטורג ד״ר י. ב. ציפּור״. „עס באַטייליקן זיך — ווערט ווייטער געזאָגט אינעם טעקסט — „די קאַפּעליע״ (פאַראייניקטע יידישע דראַמקרייזן, בריסל) און אַ גרופּע באַרימטע יידישע קינסטלער״.

ווי באַקאַנט, זענען אין דער נאַכט פון צענטן מאַי ניינצן פער־ציק, ד״ה, צוויי טעג פאַרן צוגעגרייטן אָוונט, די דייטשן אַריינגע־דרונגען אין בעלגיע, און דער אָוונט, אויף וועלכן ס׳האָט געדאַרפט געפייערט ווערן דאָס לאַנגיעריקע שאַפן פון ד״ר ציפור, איז נישט

1. דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט אונדז פריינדלעך צוגעשטעלט ד״ר י. גאָלד פון בריסל.

פאַרגעקומען. דער אַזוי פאַרדינטער כבוד איז אים נישט געוואָרן אָפּגעגעבן און ער האָט מער קיין מאָל נישט זוכה געווען איבער־צולעבן די עקזאַלטירנדיקע מינוטן, וועלכע וואָלטן פאַר אים געקענט זיין אַ טיילווייזע טרייסט־באַלוינונג פאַר דער שווערער מי פון זיין לעבן.

✶

אין זאַמל־לאַגער מאַלין, וווּ ער איז געבראַכט געוואָרן מיט אַ גרופּע אַנדערע יידן, כדי פון דאָרט צו ווערן אָפּגעשיקט קיין אויש־וויץ, האָט ער געמוטיקט די אַנדערע מיט זיין ביטחונדיק וואָרט. און דאָס דאָזיקע ביטחונדיקע וואָרט איז שוין מיט קראַפט געווען אַריינגעהאַמערט אין זיין ליד „די קאַפּעליע", וואָס ער האָט אָנגע־שריבן אין ניין און דרייסיקסטן יאָר אונטער דער ווירקונג פון גזירת זבאָנשין, דאָס גרענעץ־שטעטל צווישן פּוילן און דייטשלאַנד, וווהין ס'זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד די פּוילישע יידן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט און פון וואַנען די פּוילישע מאַכט האָט די אומגליקלעכע נישט אַריינגעלאָזט אין לאַנד.

דאָס דאָזיקע ליד האָט ערשט איצט באַקומען זיין תיקון און איז פאַר די יידן, וואָס זענען געווען פאַרהאַלטן אין מאַלין, געוואָרן דאָס, וואָס ס'איז געווען פאַר די יידן פון קראָקעווער געטאָ געבירטיגס „ס'ברענט".

ד"ר ציפּור האָט זיין „קאַפּעליע" איינגעזונגען מיט די אַנדערע לאַגער־יידן און זיי אַריינגעגעבן זיין אייגענע שטאַלצע עקשנות און באַגייסטערונג. די, וואָס האָבן ציפּורן געקענט נענטער, שטעלן זיך באַשיימפּערלעך פאַר דאָס בילד: אין אַ לאַנגן באַראַק פון דער דאַסענער קאַזאַרמע, צווישן די גאַרנדיקע רייען, וווּ ס'זענען אויסגע־לייגט די שטרוי־זעק אַרומגעשלאָגענע מיט ברעטער, שטייען יידן, פּרוּווען מיט מענער, און ד"ר ציפּור אין מיטן ראָד דיריגירט, וואַרפּנ־דיק ענערגיש מיט די הענט אין דער לופטן, אַלע זינגען מיט אים

צוזאַמען, און באַלד טראָגט זיך איבער פון איין באַראַק אין אַנדערן די כמעט איבערמענטשלעכע אויפמונטערונג פונעם רעפריין:

היי! היי!
פריילעך, פריילעך שפּילט רעב עליע,
פריילעך שפּילט מיט דער קאַפּעליע!
די טרער אין אויג פאַרגעסט!
אַ מכה זאָל דער שונא וויסן,
אַז אין האַרץ אונדז פרעסט!..

די „קאַפּעליע" איז אויך געזונגען געוואָרן ביחידות פון יידן אין די באַהעלטענישן, און אומעטום האָט דאָס ליד צוגעגעבן מוט און שטאַרקונג. אין יענע טעג האָבן זיך ערשט יידן אָפּגעגעבן אַ חשבון וואָס ציפּור איז פאַר זיי געווען. און ס'האָט גענומען אויפגיין ביי יעדן אַ מאָנונג: פאַר וואָס?... פאַר וואָס האָט מען זיך אַזוי ווייניק אומ-געקוקט אויפן דאָזיקן מענטש, בשעת מען האָט נאָך געקענט עפּעס פאַר אים טאָן? פאַר וואָס האָט מען נישט געזען, אַז זיינע ביכער זאָלן קענען דערשיינען, בשעת ס'איז נאָך געווען צייט? פאַר וואָס האָט מען דערלאָזט, אַז דער מענטש זאָל זיך מאַטערן אין אַ ביטע-רער נויט, ווען מען איז נאָך געווען ביכולת אים צו פאַרגרינגערן זיין עלנט לעבן, פאַר וואָס?...

נאָך היינט, יאָרן נאָך דער באַפרייונג, ווען יידן קומען זיך צונויף אין בריסל, צי אַנטווערפּן, טרעפט אָפט, אַז עמעצער הייבט אָן צו זינגען מיטן מאָטיוו פון דעם אַלעמען באַקאַנטן פאָלקס-ליד „צען ברידער זענען מיר געווען", די ערשטע פערזן פון דער „קאַפּעליע":

טאַצן, קעסל-פּויק און באַסן,
פידעלע און פלייט;
ניין, איר זאָלט אייך היינט נישט כעסן,
שפּילט פון גליק און פרייד!

און באַלד כאַפּן די אַנדערע אונטער:

דערשטיקט ביי זיך אין האַרצן
דריקעניש און באַנג,
אויף צעפּיקעניש דעם שוואַרצן
הילכן זאָל געזאַנג!

און צי דאָס איז אויף אַ חתונה, אַ בר־מיצווה אָדער אַזוי אויף אַ באַנקעט, געפינט זיך שוין שטענדיק עמעצער, וואָס קען אויס־זינגען אַלע דריי סטראָפן פונעם ליד.

און דעמאָלט דערמאָנט מען דעם אַלטן ציפּור, דעם טרובאַדור פון בעלגישן יידנטום. אַוודאי איז מען אויפגעלייגט, איז מען בגילופין, אָבער... ס׳טרעפט פון דעסטוועגן, אַז ס׳ווערן עמעצן מיט אַ מאָל פייכט די אויגן...

*

פאַראַן נאָך לידער פון י. ב. ציפּור, וועלכע ווערן געזונגען דאָ און דאָרט פון עלטערן דור. מיר האָבן די לידער אין ערגעץ נישט געזען אָפּגעדרוקט און מיר גיבן דאָ איבער עטלעכע פראַגמענטן פון זיכרון:

אַ מאַרש

טאָרבעס אויף די פּלייצעס,
הערצער פול מיט באַנגען,
אין דער וועלט אונדז ענג איז,
אייביק נאָר געגאַנגען.
רו נישטאָ אין ערגעץ,
נויט אונדז טרייבט אין וואַנדער,
שוין באַטראָטן לענדער

אַלע נאָכאַנאַנדער.
ווײ, ווײ, סאַראַ מזל
איז דאָס אונדז באַשערט!

ציגײַנעריש

טרעפּט, אַז איך בלאָנקע ווו,
ערגעץ אויף לאָנקע ווו,
כ׳זע אַ פערדל שטייט אַליין;
טראַכט איך קיין ווײלע נישט,
פרעג איך קיין שאלה נישט,
כ׳וועל שוין היינט צו פוס נישט גיין...
די וועלט, די פרעמדע, ווײטע וועלט,
די וועלט איז בייז און שלעכט;
איז בעסער צו זײַן אַ האַר אין פעלד
ווי ביים באַיאַר אַ קנעכט!

צווישן זיינע דיכטונגען געפינט זיך אויך דער שול-הימען, וועלכער ווערט נאָך היינט געזונגען פון די שילערס פון די פרץ-שולן אין בריסל. דאָס דאָזיקע ליד איז אָפּגעדרוקט אין אַ קליינער לידער-זאַמלונג, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט „שול און דערציונג" אין בריסל, אין יאָר 1945.

מיר גיבן דאָ איבער דעם טעקסט, וועלכער ווערט געזונגען מיט עטלעכע מוזיקאַלישע פערזן פון בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע:

קינדער, לאָמיר כבוד געבן
אונדזער ליבער שולע-פאָן!
זי פאַרשענערט אונדז דאָס לעבן,
טראָגט זי, קינדער, אויבן-אָן!
יידיש וויסן, יידיש פילן
לערנען מיר אין אונדזער שול;

שטאַרקער ווערט דער לעבנסווילן
און דאָס האַרץ — מיט גלויבן פול.

זאָל אונדז זיין דערלויבט אויסצודריקן דעם ווונטש, אַז ס׳וואָלט געווען כדאי, אַז דער דאָזיקער שול-הימען זאָל ווערן איינגעפירט אין אַלע יידישע שולן אין דער וועלט צום אָנדענק פון דעם מחבר, דעם פּעדאַגאָג און שרייבער-קדוש ד״ר י. ב. ציפּור.

#ביינ יש זילבערשטיין

(1942 — 1902)



ביניש זילבערשטיין

צייכענונג פון י. טינאָוויצקי

קורץ איז געווען דאָס לעבן פון בייניש זילבערשטיין. בלויז פער־ציק יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז אומגעקומען אין אוישוויצער לאַגער, בשעת אַ בונט פון בעלגישע לאַגער־יידן.

אָבער פול מיט אינהאַלט זענען געווען די אַלע יאָרן, וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט אין דעם דרייעק גאַליציע־פוילן־בעלגיע.

געבוירן אין 1902, אין גאַליצישן דאָרף וואַמפּיעזשאָוו, פאַר־עפנטלעכט ער זיינע ערשטע לידער אין 1925, אין וואַרשעווער זשורנאַל „יוגנט־וועקער".

ער גיט שפּעטער אַרויס אַ ראָמאַן „ברויט", אַ דראַמע „ברוך שולמאַן", פּאָעזיע, נאָוועלן און דערציילונגען. אין 1957 דערשיינט זיינס אַ בוך „געזאַמלטע לידער", אַרויסגעגעבן פון „אַ מישפּחה־קאָמיטעט" מיט אַ הקדמה פון זיין אַלמנה בינה זילבערשטיין און אַ באַגלייט־וואָרט פון מלך ראַוויטש.

אין 1935 עמיגרירט ער קיין בעלגיע און באַזעצט זיך אין אַנט־ווערפּן. אַ ניי לאַנד, אַ נייע שטאָט. אָבער ער פילט זיך דאָ נישט פרעמד. ס'איז אים אַלץ היימיש. דאָס זענען דאָך די זעלביקע מענטשן און די זעלביקע יידן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט דאָרטן. און דאָס מענטשלעכע, דאָס יידישע איז אים תמיד נאָענט און מישפּחהדיק. און אומעטום קען אַ מענטש אויפכאַפּן די וואַרעמקייט פון אַ בליק, מען דאַרף נאָר זיין גרייט עם אויפצונעמען:

...ווייל פרעמדע בליקן זענען טיילמאָל אַזוי וואַרעם,
אַזוי נאָענט,
אין נישט־גערעדטע רייד איז אויך אַ סך פאַראַן! —

איך גיי אויף גאַסן אומבאַקאַנטע, דאָך — באַקאַנט;
פּראָווינציע, לאַנגע קיווייט ביז צו פּעליקאַן[1].

און באַלד אַנטוויקלט ער דאָ אַ ברייטע אַקטיוויטעט אויפן שטח פון יידישן קולטור-לעבן, און נאָך אין אייגענעם יאָר הייבט ער אָן אַרויסצוגעבן דעם ליטעראַרישן חודש-זשורנאַל „די בעלגישע בלעטער", וווּ ס'זאַמלען זיך די שעפערישע כוחות פון יישוב און ס'באַקומען אַ פרייע פּלאַטפאָרם אַ גאַנצע פּלעיאַדע פּען-מענטשן, דיכטערס, פּובליציסטן אאַז"וו.

ער איז אַזויערנאָך ממשיך אין בעלגיע דעם יידישן נוסח פון פּוילן, בלייבנדיק כסדר ענג פאַרבונדן מיטן קולטור-לעבן פון דעם לאַנד, וווּ ס'האָט צום שטאַרקסטן געקלאַפּט דער דופק פון אַ צעצווייגטער יידישקייט.

זיין דרך איז געווען, אין קולטור-ענינים אויסצומיידן די פּאַרטייען דאָרט וווּ דאָס איז נאָר געווען מעגלעך, און זיך צו ווענדן צו יחידים פון אַלע ריכטונגען, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פאַר דער זאַך.

פון זיי האָט ער געפאָדערט און געמאָנט. און ער האָט באַוויזן צו באַוועגן און צו האַלטן וואָך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן נישט בלויז אין זיין ווינשטאָט אַנטווערפּן, נאָר אויך אין בריסל, ליעזש און שאַרלערואַ. אומעטום האָט ער געווירקט און אונטערגעהאַלטן דעם פלאַם.

אין אַ קורצער צייט איז זיין געוועלבל אויף דער קיוויטסטראַאַט געוואָרן אַ שם דבר, ס'איז געוואָרן אַן אַדרעס. אין פּראָנט האָט מען אים געקענט זען פאַרקויפן אַ שאַכטעלע שוועבעלעך, אַ פּעקל ציגאַרעטן; מ'האָט אים געקענט טרעפן אַרויסגעבן אַ יידיש ביכל צום לייענען און דערלאַנגען אַ קינד אַ העפט צום שרייבן. אָבער אין נעבן-צימערל האָט ער אַ מינוט נאָכדעם אויפגענומען אַ צוגערייזטן

---

1. גאַסן פון יידישן קוואַרטאַל אין אַנטווערפּן.

שרייבער פון אויסלאַנד, אַן אַרטיסט פון טעאַטער, אַ מאָלער, אַ געזעלשאַפטלעכן טוער וכדומה.

*

ביניש זילבערשטיין איז געווען דער אינטעגראַלער ליריקער. ער איז אין זיין דיכטונג עקסטאַטיש און טיף פאַרבענקט. ער איז דער שטענדיקער פאַרליבטער אין דער וועלט; און די־דאָזיקע וועלט, מיט איר גאַנצער שיינקייט, גלאַנץ און עשירות, איז זיין אייגנס, זיין פערזענלעכער פאַרמעגן:

...צעפאַליעטע, ווי גאָלד, אַ ים צעפלאָשעטע און
— רחבותדיקע, רייכע זונען
אין טיפע הויפנס פון דאַרע אויסגעקרומטע הענט —
דאָס וועלט־עשירות כ׳טראָג.

און די וועלט איז פול מיט הערלעכקייטן, פול מיט ווונדער:

...אַ ווונדער איז די ווייכקייט פונעם גראָז, די קראַפט
פון פעלדז
און האַרטקייט פונעם שטיין.

שטייט ער, אַ פאַרגאַפטער פאַר דער גרויסער מיסטעריע פון דער וועלט. ער ווייסט, ער איז איינס מיט איר. ער שפיגלט זיך אין איר און אויך זי שפיגלט זיך אין אים. זינגט ער אין איינעם פון זיינע לידער: „איך באַטראַכט זיך אַליין ווי אַ ווונדער". און דאָס איז נישט קיין פּאָזע, קיין איינרעדעניש. ס׳איז גאַנץ פשוט, ווייל:

צי דאַרף איך דען זאָגן, כ׳בין אַנדערש?
קען זאָגן דער בוים: — „כ׳בין נישט בוים"?

מיט פוילן האַלט ער די גאַנצע צייט אַן אַן ענגן קאָנטאַקט. צאָלרייכע שרייבערס שיקן אים איבער זייער מיטאַרבעט פאַר די „בעלגישע בלעטער״. און ווען ס׳ברעכט דאָרט אויס דאָס אומגליק אין סעפּטעמבער 1939, פילט ער דאָס ממש אַפּ אויף זיין אייגענער הויט. דריי יאָר שפּעטער איז די ווונד נאָך אָפן. אַליין איז ער שוין אַ פאַרמישפּטער, אָבער ער שרייבט נאָך צו עמעצן פון דאָרטן:

פון בעלגיע האָב איך דיר אַ גרוס געבראַכט,
נאָך זיבן יאָר, אַ גרוס אָט שטיל און זאַכט.
...און כאָטש כ׳בין ווייט פון דיר, איך האָב געהערט
ווי ס׳האָט דער טייוול ווילד זיך דאָרט צעלאַכט.

אין איינעם פון זיינע לעצטע לידער קלאָגט ער זיך ביטער דערויף, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אַ סך צו שאַפן און דאָס אַלץ האַלט ביים פאַרלוירן גיין. ער גיט דערביי אַפּ אַ לויב דעם גורל, וואָס האָט אים באַשערט די גאַב, אַז זיין ליבשאַפט צום מענטש זאָל בלייבן ביי אים נישט געבראָכן:

כ׳האָב מיינע מעשים — וווּנדער־טורעמס — נישט
פאַרענדיקט,
נאָר ס׳בליען נאָך אין גאָרטן מיינע ווייסע צוויטן.
בין איך אין שטילע נעכט צו מיר אַליין מתפּלל,
וואָס כ׳האָב אין טעג פון גרויל מיין ליבשאַפט נישט
געביטן.

אין יוני 1942 איז ער געוואָרן אַוועקגעפירט קיין צפון־פראַנקרייך אויף אַרבעט און פון דאָרט דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ. ווי ס׳דערציילט אַן עד־ראיה, וואָס איז צוזאַמען מיט אים געוואָרן אַוועקגעפירט, נאָר באַוויזן זיך צו ראַטעווען דורך שפּרינגען פון צוג, זייענדיק דערנאָך אויסבאַהאַלטן צוויי יאָר צווישן בעלגיער — איז

ביניש זילבערשטיין שוין ביים טראַנספּאָרט געגאַנגען איינגעבויגן מיט אַן אויסגערונדיקטן רוקן, ווי אַ פֿאַס, פֿון די קלעפּ.

לויט ווי ס׳איז געוואָרן איבערגעגעבן זיין אַלמנה, בינה זילבער־שטיין, דורך אַ ניצול־געוואָרענעם ייד פֿון אוישוויצער לאַגער, איז ביניש זילבערשטיין אומגעקומען אין אוישוויץ, אין נאָוועמבער 1942, אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן:

צוזאַמען מיט אַ גרופּע בעלגישע יידן איז ער געפֿירט געוואָרן צו דער גאַז־קאַמער. אין אַ געוויסן מאָמענט איז צווישן די קרבנות אויסגעבראָכן אַ בונט און ער האָט, דער ערשטער, געכאַפּט אַ שטיין און אים געשליידערט צו איינעם פֿון די תליינים. אַן עס־עס־מאַן האָט אים דעמאָלט אויפֿן אָרט דערשאָסן.

ווי סימבאָליש קלינגען די שורות פֿון זיינס אַ ליד, וואָס איז אין זיין לעצטער לידער־זאַמלונג, דאַטירט אַנטוועדפֿן, ניינצן זיבן און דרייסיק:

...טראָג איך איינער אַליין דעם צער,
ווי אַ שטיין אַ צעגליטן אין האַנט —
און קוים פּרוּוו איך אַ וואָרף טאָן דעם שטיין,
טרעף איך אָן אויף אַן אייזערנער וואַנט.

אָבער דאָך קען מען זאָגן, אַז ער האָט, פֿאַלנדיק, אָפּגעהאַלטן זיין מאָראַלישן ניצחון, ער האָט נישט געגעבן זיין הסכמה צום טויט, וואָס די תליינים האָבן פֿאַר אים געהאַט אויסגעקליבן, נאָר ער איז קעמפֿנדיק געפֿאַלן און אַזוי־ערנאָך אַליין געלענקט מיט זיין גורל!

פרץ אפאטשינסקי

(1943 — 1892)



פרץ אפאטשינסקי

פאָטאָגראַפירט אין לאָדזש, אין די דרייסיקער יאָרן

„...נאָך ווייטיקסטו אין בלוט פון יעדן שניט,
נאָר אויפגעהערט צו צערן דיך האָט שוין דער הונגער,
און ס׳פּרירט די קעלט נישט מער איצט דיין געמיט...“

י. ז.

(פון דער פּאָעמע „אויף אַלע וועגן“).

אין די אויסגעגראָבענע רינגעלבלום-אַרכיוון אויף די וואַרשע-ווער גאַסן פון שוויענטאָיערסקע און נאָוואָליפּיע, זענען געפונען געוואָרן צאָלרייכע כתב-ידן, וועלכע אַנטהאַלטן בילדער פון געטאָ-לעבן, כראָניק און אַנדערע שאַפונגען פון דער פעדער פון פּרץ אָפּאָטשינסקי. אַ טייל פון זיי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1954, דורכן פאַרלאַג „יידיש בוך“ אין וואַרשע.

דער היסטאָריקער-קדוש, ד״ר עמנואל רינגעלבלום, דערמאָנט אים אָפט מאָל אין זיינע „נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ“ (פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1952). ער זאָגט וועגן אים צווישן אַנדערן:

„דער אויבן-דערמאָנטער פּרץ אָ—י האָט געמאַכט אַן אינטע-רעסאַנטן פּרוּוו, וואָס איז אָבער, צום באַדויערן, נאָך נישט דערפירט געוואָרן ביזן סוף. ער האָט געגעבן „אַ געשיכטע פון אַ וואַרשעווער הויף בשעת דער מלחמה“. דער אויסגאַנגס-פּונקט איז געווען די געשיכטע פון אַ הויז-קאָמיטעט אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער לאַגע פון הויף און זיינע איינוווינער. די אַרבעט, וואָס איז לכתחילה פאַרמאָסטן געוואָרן גאַנץ שמאָל, איז אויסגעוואַקסן צו אַ געשיכטע פון אַ הויף און פון זיינע איינוווינער, אָנגעהויבן ערב דער מלחמה, איבער דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע, דעם אַריינקומען פון די דייטשן, דער אויסוואַנדערונג קיין רוסלאַנד אאַז״וו.

*

פּרץ אָפּאָטשינסקי איז געבוירן געוואָרן אין לוטאָמירסק ביי לאָדזש אין 1892, אין אַ חסידישער משפּחה. אין עלטער פון 14 יאָר פאַרט ער אַוועק לערנען אין דער קאָסאָווער ישיבה, ווו ער הייבט אָן צו שרייבן העברעיִשע שירים. אָבער ער קען לאַנג נישט פאַרטראָגן דאָס עסן „טעג" ביי פרעמדע טישן און ער לאָזט זיך קיין קאַליש זוכן אַרבעט אין איינער פון די שטיקעריי־פאַבריקן, מיט וועלכע ס'איז אין יענער צייט פול געווען די שטאָט.

ער באַקענט זיך דאָרט מיט אַ גרופּע אָנפאַנגער־שרייבערס, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך: הערשעלע דאַנילעוויטש, שמעון האָראָנטשיק, אשר שוואַרצמאַן אאַנ"ד. דער לעצטער האָט אויף אים אַ געוואַלטיקע השפּעה, וועלכע וועט אָנהאַלטן ביזן טראַגישן סוף.

אין לאָדזש, ווו ער באַזעצט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרעפנטלעכט ער זיינע ערשטע שאַפונגען אין פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס ווי: „ס'פעלד", „אויפגאַנג", „יונג־יידיש", ווו ס'האָבן דעמאָלט דעביוטירט: ישעיה שפּיגל, חיים לייב פוקס, מרים אולינאָווער, י. ה. ראַדאָשיצקי אאַנ"ד.

ער דרוקט נאָוועלן, עסייען, חסידישע מעשהלעך, מיניאַטורן און קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען ווי: פּרץ חסידא, משה מחויב, אָפּאָטשנער אאַז"וו.

זיינע שאַפונגען זענען אויך געוואָרן צעשפּרייט אין דער טעגלעכער פּרעסע און זענען אַזויערנאָך כמעט אַלע פאַרפאַלן געוואָרן.

איז צו דאַנקען זיין שוועסטער אין ניו־יאָרק, רינה אָפּער־אָפּאָטשינסקי, וועלכע האָט מיט פּיעטעט אָפּגעהיטן אַ טייל פון זיינע דאָ־און־דאָרט דערשינענע כתבים און דאָס אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם אין יאָר 1951.

לייענענדיק דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע האָב־און־גוטס פון פּרץ אָפּאָטשינסקי, טוּכט אויף פאַר אונדז דאָס אַמאָליקע לעבן פון די

יידישע פאָלקס־מאַסן אין פוילן, זייערע פּרנסות, דאגות און פריידן, יום־טובים שטרעבונגען און אידעאַלן.

מיט אַ צערטלדיקער האַנט באַשרייבט ער די היימישע טיפּן, וועלכע האָבן אַזוי קאָלירפול באַפאַרבט דאָס יידישע עפנטלעכע און פּריוואַטע לעבן סיי אין לאָדזש, וואַרשע און סיי אין די שטעט־לעך פון דער פּראָווינץ.

צי דאָס איז דער רירעוודיקער שמאַטעס־אויפקויפער, וואָס ברענגט אַריין אַן אויפלעבונג אין די פאַרשלאָפענע געסלעך פון שטעטל, ווען ער באַווייזט זיך „איינגעשפּאַנט אין אַ טאַטשקע און שרייט: „שמאַט! שמאַט!" („שמאַטעס").

צי דאָס זענען די הענדלערקעס, וואָס ערב־יום־טוב, אין שפּעטן פאַרנאַכט, שטייען זיי נאָך „אין פאַרפעדערטע געשלייערס, האַלטנ־דיק אין די הענט בינטלעך מייערן, פּעטרישקע, כריין, ליכט און אוגערקעס און קוקן אוים צו פאַרדינען נאָך אַ פינפערל איידער די נאַכט פאַלט צו"; („סכך").

פאַר אַלע זיינע העלדן האָט ער די אייגענע וואַרעמקייט אין טאָן. זיי זענען אים אייגן און ער טראָגט אוים זייערע ברענענדיקע זאָרגן, שלאָפלאָזע נעכט און אויך די בלאַסע האָפענונגען אויף אַ בעסערן מאָרגן.

אָבער אָפט רייסט זיך דאָ אַריין דאָס טראַגישע אין אידילישן. צי דאָס איז דער גאַנג פון דער צייט, צי דאָס זענען די נייע אויפטוען פון האַנדל און מלאכה, אַלץ קען זיין אַ סיבה פון וויטיקלעכע איבער־לעבונגען ביי זיינע העלדן, וואָס ווערן געשטעלט אין אַ זייט פון לעבן, אָפגעשאָפט און באַזייטיקט פונעם ראַד, וואָס דרייט זיך ווייטער מיט אַ פאַרגיכערטן אימפעט, נאָר שוין אָן זיי...

און דער אַלטער דראָזשקאַזש, וועלכער איז דערוויטערט גע־וואָרן דורך דער מאַכט פון זיין איינגעלעבטער באַשעפטיקונג, רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ:

— עטץ פאַרשטייט — יאָך בין ערשט אַ זיבעציקער. ווען יאָך נעם אַ גוטן טרונק בראַנפן, גייט דאָס דראַזשקעלע ביי מיר ווי אַ קאַרוזעליע, יאָך קען נאָך פאָרן און פאָרן! ערשט נאַ, זיץ און קוק אין הימל אַריין!" („דראַזשקאַזשעס").

און פונקט ווי זיינע עמכניקעס, אַלט און יונג, וואָס נורקעווען זיך אונטערן געקאַרבטן וואַסער-שפיגל פון דער ווייסל אין אַ שבת נאָכמיטאָג, אַזוי גרונטעוועט ער זיך טיף אין דער פאָלקס-נשמה און ברענגט פון דאָרט אַרויס די פערל-ריינקייטן, וועלכע לייכטן מיט זייער צניעותדיקן ליכט, וואָס וועט אויף אייביק בלייבן אַ צירונג פאַרן מין מענטש („די ווילדע פליאַזשע").

אין זיינע חסידישע מעשהלעך פליסט קוואַליק זיין נוסח-שפּראַך. ס'איז אַ שלל פון פול-בלוטיקן פאָלקלאָר, געהויבנקייט און אַצילות, ווי אַלץ ציט די יניקה, באַוועגט זיך און קומט צוריק צום שורשדיקן אַהבת ישראל.

ר' מענדעלע פון רימינאָוו, דער גוטער-ייד, וואָס האָט אין זיך אַ ניצוץ פון קפדנות, „האָט פיינט זיך צו חכמענען מיטן רבונו של עולם, אַרויסצודרייען זיך מיט הינטערוועגלעך, זוכן זיך אַ היתר". כעסט ער זיך אויף די אַרענדאַרן, וואָס זיצן אין די דערפער, און ווען ס'קומט צו אים אַ ישובניק, „גיט ער אים ס'קאַלטע און ס'וואַרעמע: ווי לאַנג נאָך וועסטו קלעפן אין דאָרף? מגדל זיין עמי-הארצים? נישט דאַווענען מיט קיין מנין?" און ער טרייבט זיי, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אין דער שטאָט. ס'האַלט דערביי, אַז יידן זאָלן, חלילה, פאַרלירן זייערע פרנסות. מישט זיך אַריין דער ראָפּשיצער צדיק און דער רימינאָווער זעט איין זיין טעות, וואָרעם אין הימל איז געוואָרן אַ גערודער. „כביכול טענהט: רימינאָווער נאַר! איך קען אויסשטיין דעם היזק און דו נישט?" („דער כעס פון אַ גוטן יידן").

אָבער די העלדן אין זיינע חסידישע מעשהלעך מוזן נישט דווקא זיין קיין רביים. ר' זעליגל איז סתם געווען אַן ערלעכער ייד,

וואָס האָט געהאַלטן די גרויסע גאַזשעלניע אין מלאַסנע און געווען „דער גרויסער עוסק בצרכי ציבור".

און ווען מען האָט איינגעזעצט אין תפיסה דריי הונדערט יידישע משפחות פאַר פאַרקויפן פאַרבאָטענעם בראָנפן, האָט דער „שפת אמת" אַליין געשיקט אַ שליח מיוחד צו אים: „זעליגל, רו נישט, לויף, מי זיך!"

„האָט זיך ר׳ זעליגל אויפגעכאַפּט אין מיטן אַ פראָסטיקער ווינטער-נאַכט און געלאָפן קיין פּעטערבורג, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן. וואָכן דאָרט אָפּגעזעסן, ביז ער האָט געפּועלט".

אָבער ר׳ זעליגל איז היינט אויף דער עלטער. אַלע האָבן אָן אים פאַרגעסן. איינער אַליין דרייט ער זיך אַרום אין די גרויסע צימערן פון זיין הויז. „אַ הויכער, אַ ברייטער זקן ווי ער איז, מיט ווילדע, ווייסע ברעמען שטעלט ער זיך אָפּ פון צייט צו צייט אין מיטן שטוב און שרייט אוים מיט באַהאַלטענעם פּחד: בידך אפקיד רוחי!" („ר׳ זעליגל מלאַסנער").

אָבער גאָר באַזונדער הייבט זיך אַרויס אין דער זאַמלונג זיין „נע ונד". דאָס איז אַן איבערדרוק פון אַ ביכל, וואָס פרץ אָפּאָ-טשינסקי האָט אַרויסגעגעבן אין לאָדזש, אין יאָר 1933. דאָס דאָזיקע ביכל, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך בשעתו וואַרעם אָפּגערופן יצחק קאַ-צענעלסאָן, משה בראָדערזאָן, ד"ר מאַרגאַלין און אַנ"ד, האָט זיך באַלד פעסט פאַראַנקערט אין דער יידישער ליטעראַטור, דערפאַר ווייל עס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אויטענטישע שילדערונג פון דער אינערלעכער צעריסנקייט פון יידישן מענטש אין דער צווישן-צייט פון די צוויי וועלט-מלחמות.

ס׳האָט דערמאָנט אָן דעם רושם, וואָס ס׳האָט געמאַכט אין די ניינציקער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט מרדכי זאב פייער-בערגס „וואוהין?". נאָר אַנשטאָט, וואָס דאָרט ווערן אַרויסגעבראַכט די אינערלעכע ראַנגלענישן פון אַ יונגן עילוי, וועלכער איז אַנטוישט

אין די טראַדיציאָנעלע גלויבונגען און ער רייסט זיך צו דער פרייער וועלט, קומט דאָ צום אויסדרוק די אַנטווישונג אין נייעם שטייגער לעבן, און דאָס רייסן זיך צוריק צו דער אַלטער טראַדיציע, וועלכע איז אָבער נישט מער בכוח צו נעמען אונטער אירע פליגלען דעם אויפקומענדיקן דור פון היינט-וועלטיקן ייד.

און ס'וויקלט זיך פונאַנדער פאַרן לייענער אַן עפּאָפּייע, וואָס אירע עטאַפּן פירן דורך עליות און ירידות, וואָגלענישן און אכסניות, פאַרלאָזנקייט און אומפאַרויסגעזעענע טרעפענישן, עצבות און גע-טרייסטקייט אין האָרבעריקן און אויף וועגן.

ווי אַ געטרייער תלמיד, איז פּרץ אָפּאָטשינסקי געגאַנגען אין די פוס-טריט פון זיין רבין, יצחק לייבוש פּרץ, און אונטער זיין השפעה אַנגעהויבן צו שרייבן זיינע חסידישע פאָלקס-מעשהלעך. אין זיינע זוכענישן נאָכן פאַרלאָזן דעם דרך-המלך פון די רבישע הייף פון זיינע אָבות, האָט ער ביי יצחק לייבוש פּרצן געפונען דעם ערשטן אָנשפּאַר. ער האָט זיך געטובלט אין זיין פּאַרטיפט-יידישער עטיק און פריי זיך באַוויגן אין זיינע ברחבותדיקע הימלען.

שפּעטער אָבער, האָט ער ביי אשר שוואַרצמאַנען געפונען דעם דירעקטן און געטרייען אָפּבילד פון זיין אייגן אָפּן האַרץ און ער האָט אָפּגעפילט אַן אינטימע נשמה-באַהעפטונג מיט זיין יוגנט-חבר, וועלכער האָט מיט אַ דערפרישנדיקער נייקייט אויסגעגאָסן אין קורצע שורות זייער ביידנס אומגעשטילטע בענקשאַפט נאָך שיינ-קייט און ליבשאַפט פאַרן מענטש.

וואָס האָט דעמאָלט געקענט זיין שענער ווי טרעפן זיך כמעט יעדן טאָג און אַרויסגיין צוזאַמען אויף די קאַלישער פעלדער אין די זומער-פאַרנאַכטן, זען ווי די זון גייט אונטער מיט גרויסקייט, זיך אַריינוואַרפנדיק אין די פלאַמען פון אָנגעצונדענעם הימל?

מער נאָך ווי מיט זיין פּאָעטישער פרישקייט, האָט אשר שוואַרצמאַן אויף אים געווירקט מיט זיין שטאַרקער פּערזענלעכקייט

און דורך דער עכטקייט פון זיין ברידערלעך געפיל, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנומען אַקעגן זיין חבר, וואָס איז געווען ייִנגער פון אים מיט דריי יאָר, און וואָס האָט געהאַט ביי אים אַזוי פיל צו לערנען.

נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פרץ אָפּאָ־טשינסקי קומט צוריק פון עסטרייכישער געפאַנגענשאַפט, שפּרייזט ער אויף די חורבות פון אַ גייסטיקער וועלט, צו וועלכער ער קען זיך נישט מער אומקערן. ער זוכט די באַנייונג אין דעם שטורעם פון רעוואָלוציע, וואָס זאָל אויף אייביק אָפּוואַשן בלוט־פאַרגיסונג, אַלץ איבערמאָלן און איבערגעשטאַלטיקן לויט די נביאישע זעונגען פון אַמאָל.

אָבער ס׳קומען אָן יאָרן פון ביטערער אַנטוישונג. אַ פאַרלוי־רענער, רעציטירט ער אויף אויסווייניק די פּראָפעטישע טענער פון זיין יוגנט־חבר, וועלכער לעבט נישט מער:

„...ס׳וועט צאַרטער מענטשן־לייב נאָך ציטערן
אין אַ געמיש פון קויט און בלוט,
און נישט קיין יום־טוב האָט באַלייכט
אינמיטן נאַכט די האָריזאָנטן,
נאָר עמעץ וויל דעם פּיין און עמעץ וויל דאָס בלוט".

(„אין אויפשטאַנד" פון אשר שוואַרצמאַן)

אין דער צייט טרעפן אים פּערזענלעכע אומגליקן. זיינע צוויי קינדער, הנאהבים והנעימים, ווערן קראַנק איינער נאָכן אַנדערן און מען קען זיי נישט ראַטעווען. די אַנטוישונגען און אומגליקן לייגן זיך אויף אים מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זייער משא און ער געפינט זיך נישט מער קיין אָרט אין לעבן. ער זינדערט זיך אָפּ פון מענטשן און פאַרלאָזט זיין וועלטלעכע התנהגות. אויף פאַר־לאָזענע פעלדער, ווייט פון יעדן יישוב, זוכט ער אַ באַשייד אויף פראַגן, אויף וועלכע ער האָט ביז איצט אין ערגעץ נישט געפונען קיין ענטפער. ער האָט פון שטענדיק אָן זיך געריסן צו לעבן אין

אַ פרייער וועלט, אָבער ער זעט זיך אַרום, אַז ער לעבט אין אַ וועלט אָן אַ גאָט.

און מיט זיין שטענדיק אומרויִקן גייסט װענדט ער זיינע בליקן צום אור־קוואַל, פון וועלכן ער האָט נאָך אין זיינע פריע קינדער־יאָרן אָנגעהויבן צו שעפּן. ער וויל זיין נעענטער צו יענעם ליכט, וואָס האָט זיך קיין מאָל פון אים אין גאַנצן נישט אָפּגעטאָן, און וואָס וועט אים לייכטן אין אַלע ירידות, וואָס די ברוטאַלסטע פון אַלע צייטן האָט פאַר אים געהאַט צוגעגרייט אויף שפּעטער...

✶

יוחנן מבקש, דער העלד פון „נע ונד", פאַרלאָזט זיין היים און נעמט זיך גיין אויף די וועגן, וואָס פירן קיין אומאַן צום קבר פון זיין רבין, ר' נחמן בראַצלאַווער, דעם גרויסן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיינע ספרים געשריבן אויף פּראָסט מאַמע־לשון, דעם עניוות־דיקן גוטן ייד, וואָס פלעגט זאָגן צו זיינע חסידים, אַז זיי האָבן יעדער אַ חלק אין דער שאַפונג פון זיין „ליקוטי מוהר"ן", דעם מזג טוב, וואָס האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו לעכצן נאָך דער שלימות פון אהבת ישראל.

אָבער ער ווייסט, אַז נאָך די אַלע גייסטיקע גילגולים, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט, איז דאָס אַזאַ שריט, וואָס די נאַטור אַליין וואַקלט זיך און פאַרלירט איר פעסטן מעמד:

„און אויף מיין קוויטיקן וועג טרעף איך פאַראומערטע זקנים, וואָס זוכן אָפּצוּוואַרפן די משא פון זייערע מידע אַקסלען. שטיל, ווי דער ווייטאָג פון שטאַרבנדיקע ביחידות, טראָגן אוים זייער שווייגן די לאָמע שייערן אין פאַרלאָזענעם פעלד. איך גיי זיי פאַרביי און האָרך אוים אַ פאַרשעמטע תפילה, וואָס פלאַטערט איבער זייערע צעשויבערטע קעפּ. דערנאָך גיי איך מיט אומבאַטראָטענער סטעזשקע אַהין צו דער מאָכיקער

ברונע, ווי ס'וואָגלט נאָך אַרום דער אומרו פון דורכפאָרערס אין אַ רעגנדיקער נאַכט ביים אָנפּאַיען ס'פערד".

אָבער נאָך לאַנגע וואָגלענישן, אָנקומענדיק שוין צום אוהל פון אומאַנער, האָט „די אָנגעוואָרפענע קופּע קוויטלעך אויפן קבר אויס־געזען ווי פאַרשימלטע, געצנדינערישע שימות אויף אַ טויטן אָרט. האָב איך זיך אויפגעהויבן מיט מיין שוועער משא און האָב זיך געלאָזט אויס דער שטאָט גיין, גיין, גיין".

✶

אין 1935 ווערט ער אַרויסגערופן קיין וואַרשע פון דער צייטונג „דאָס וואָרט". ער ווערט אויך אַ מיטאַרבעטער אין אַנדערע אויס־גאַבעס, טעגלעכע און פּעריאָדישע ווי: „פאָלקסבלאַט", „עקספּרעס" אאַנ"ד.

אין דער מישפּחה-כראָניק, וואָס זיין שוועסטער, רינה אַפּער־אָפּאָטשינסקי, ברענגט, ווי אַן אַריינפיר צום בוך, דערציילט זי צום סוף וועגן איר באַזוך ביי איר ברודער אין וואַרשע אין די לעצטע חדשים פאַרן חורבן.

זי זעט דאָרט פון דער נאָענט דאָס אָרעמע לעבן פון אָפּאָ־טשינסקין, וואָס וווינט אין צוויי שטיבלעך, וועלכע האָבן נאָר איין פענצטער. די ווענט זענען דאָרט שטענדיק פייכט און אויסגעקילט. און פון דעסטוועגן איז דאָרט געווען פריילעך אין דער דירה פון דעם שמח בחלקו. ס'האָט זיך דאָרט געפונען אַ דריי־יעריק ייִנגעלע, יוסף דן, וואָס די גליקלעכע עלטערן רופן אים „דאַנטשיקל". דאָס חנעוודיקע ייִנגל, וואָס האָט געהאַט געלאָקטע, העל-גאָלדענע האָר, איז געווען געזונט און פריש און איז געווען פאַר זיינע עלטערן אַ טרייסט נאָך די ערשטע צוויי פאַרשטאָרבענע קינדער זייערע. ער האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן סימנים פון באַגאַבטקייט און האָט אָנגעפילט דאָס הויז מיט גליק.

אָבער ס׳רוקט זיך אָן די גרויסע שרעק. ס׳פילט זיך שוין אין דער לופט די אָנקומענדיקע בהלה. מען דערפילט זיך שוין אָנגערירט פון גרויסן אומגליק, וואָס דערנעענטערט זיך, און אין די גאַסן לויפן מענטשן, ווי געיאָגט פון אַ גרויסער אימה.

אין איינעם פון יענע טעג קומט דער מאָמענט, ווען רינה אָפּער־אָפּאָטשינסקי דאַרף פאַרלאָזן וואַרשע. דאָס פיין־פילנדיקע קינד, אין וועמען זיין פאָטער האָט געזען אַ קומענדיקן גרויסן דיכטער, פילט אָפּ דעם פחד פון די גרויסע און הערנדיק, אַז די טאַנטע קלייבט זיך אַוועקצופאָרן, בעט ער זיך ביי איר:

— זאָל מיך די מומע ריינע מיטנעמען. כ׳האָב ליב צו פאָרן אויף אַ שיף!

ס׳ווערט שפּעט. די באַן פאָרט אָפּ צוועלף ביינאַכט, און דאָס קינד וויל נישט גיין שלאָפן. דאָס יינגל טענהט:

— אַז איך וועל גיין שלאָפן, וועט די טשאָטשע ריינע אַוועק־פאָרן און מיך נישט מיטנעמען.

אָבער דאַנטשיקל איז אַ פאַרשטענדיק קינד. מען פועלט ביי אים, אַז ער זאָל גיין שלאָפן. ער נעמט אַרום די טאַנטע מיט זיינע דינע הענטלעך, קושט זי און וויינט:

— מומעשי, דו זאָלסט וואַרטן אויף מיר ביז אין דער פרי, וועל איך מיטפאָרן מיט דיר קיין אַמעריקע.

— —

ס׳איז נישטאָ קיין מענטשלעכע מאָס צו מעסטן דעם צער, וואָס איז באַהאַלטן אין די דאָזיקע שורות. אַ ים מיט גרוילן ליגט אין זיי! און אַלע אונדזערע האָפענונגען טרינקען זיך דאָרט און האָבן נישט דעם כוח צוריקצוקומען אויף דער אויבערפלאַך.

ווער קען זאָגן, וויפל מאָל ס׳איז אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ ביי עלטערן, ווען זיי זענען געבראַכט געוואָרן דערצו, אַז זיי זאָלן אָפּ־

נאַרן זייער קינד, בשעת עס האָט געזוכט זיך צו ראַטעווען פון אומקום ?!

און ווער וועט אַ מאָל קענען אָפּקילן די טרערן פון אַ קינד, ווען ס'האָט פאַרצווייפלט זיך געריסן פון די נעגל פון טויט, וועלכער האָט זיך צו אים באַוויזן, נאָך איידער ער איז פאַר אים דערשינען ?!

*

ווען די דייטשן האָבן ארומגעמויערט די געגנט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן געטאָ, האָט פרץ אָפּאָטשינסקי געקענט בלייבן וווינען אין זיין דירה אויף וואָלינסקאַ 21, ווייל דאָס הויז האָט זיך שוין פון פריער געפונען אין „מלכות געטאָ". ער ווערט אַ בריוו־טרעגער און האָט אַזוי ערנאָך די ברייטסטע מעגלעכקייטן זיך צו־צוקוקן פון דער נאָענט צום לעבן פון די צונויפגעקוועטשטע יידן אין די פאַרענגטע גאַסן פון דעם טייל שטאָט. און מיט אַ פאַרביקן פענדזל מאָלט ער אין די אויסגעגראַבענע „רעפּאָרטאַזשן פון וואַר־שעווער געטאָ" די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון געטאָ־לעבן. און אָנ־הייבנדיק פון „הויז נומער 21", און „מגילת פּאַרוּוקע", ווו ער שילדערט די ערשטע צייט פון באַזעצטן וואַרשע נאָך פאַרן געטאָ, גייט ער איבער צו: „דער שמוגל אין געטאָ", „קינדער אויפן ברוק" און „דער יידישער בריוו־טרעגער".

מיט אַ רירנדיקער ליבשאַפט צו די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, כאַפּט ער אויף זייערע ווערטלעך און אייגנאַרטיקע אויסדרוקן, זייער אופן רעאַגירן אויף די טראַגישע געשעענישן, און זייער פאַרצווייפלט קלאַמערן זיך אין אַ גלויבן פון אַ בעסערן מאָרגן.

זיין איינגעוואָרצלטע פון תמיד איבערגעגעבנקייט צום פאָלק, דרינגט אַרויס פון די קינסטלערישע געטאָ־שילדערונגען, אין וועלכע ער געפינט אויך מאָמענטן פון אויפגעהייטערטקייט. מיט זיין שאַרפן אָבסערווירערישן חוש, פאַרפיקסירט ער אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן

פון אַמאָליקן וואַרשע, בילדער און סילועטן, וועלכע זענען אויף אייביק פאַרשוווּנדן פון יידישן פּוילן.

אַ מאָל וועט מען לייענען און מען וועט זיך פרעגן: ווי איז דאָס מעגלעך? ווי האָבן מענטשן געקענט אויפשטעלן דויערנדיקע מאָנומענטן שטייענדיק אַליין „צווישן פאַלנדיקע ווענט”? און שוין זיך פילנדיק איינגעפּרעסט אין דעם ענגן רייף פון אומפאַרמיידלעכן טויט, ווי האָט אַ מענטש נאָך געקענט פאַרקריצן די צאַפּלדיקע אימאַזשן, זיך אָפּשטעלן ביי די קוריאָזן און אויפנעמען די גלייכווערטלעך, די זאַפטיקע אויסדרוקן פון די האָרעפּאַשניקעס? ווי האָט אַ קינסטלעריש אויג נאָך געקענט אַריינגעמען אין זיך די אַלע קערנדיקע געשטאַלטן, זיי איבערשלייפן און געטריי זיי אָפּשפּיגלען צוריק, אַז זיי זאָלן בלייבן פאַרפעסטיקט אויף דורות און אויף צייטן?

✶

ס'איז די ערשטע צייט פון באַזעצטן וואַרשע. יידן וווינען נאָך אין זייערע פריערדיקע דירות. די וואָס האָבן אַ ביסל געלט גרייטן זיך צו פּראָוויאַנט אויפן קומענדיקן ווינטער. נאָר אָט הייבן זיך אָן צו באַווייזן אין די גאַסן גרופּעס יידן פון דער פּראָווינץ. ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען די ערשטע קרבנות פון די דייטשע גירושים אין מערב-פּוילן. וואַרשעווער יידן, הערנדיק, אַז מען טרייבט פון די ישובים אַרויס, האַלטן זיך אָפּ איינצוקויפן זאַפּאַסן אויפן ווינטער: „מען ווייסט דען וואָס מיט אונדז וועט זיין?” אַ פּויער, וואָס איז געקומען פאַרקויפן אַ וואָגן קאַרטאָפל, שטייט אָפּ אַ גאַנצן טאָג און קיינער וויל נישט קויפן. ער קען נישט פאַרשטיין: „זיי ווילן נישט פרעסן, צי וואָס?”

אין איינעם אַ טאָג קומט אַ דייטשע פאַראָרדענונג, אַז יידישע קראָמען מוזן האָבן שילדן מיט העברעיִשע אויפשריפטן, און יידישע געוועלבערס הענגען אַרויס איבערגעמאַכטע שילדלעך אויף העב-

רעיִש ווי: „חיט בגדים אישים" (מענער-שניידער), „חנות לחם, מזונות וכל אכילה" (געוועלב פון ברויט און אַלערליי שפּייזן) וכדומה.

אַ סך לאָזן זיך צו דער רוסישער גרענעץ, די אַנדערע וואַרפֿן זיך איבער אויף נייע פּרנסות און האָפֿן אַזוי איבערצוקומען די מהומה: „ברעכט ער דעם קאָפּ, אַבי ער לאָזט לעבן"...

(„ס'הויז נומער איין-און-צוואַנציק").

צו יענער „גאָלדענער צייט" געהערט אויך „מגילת פּאַרוווקע", אָנגעשריבן אין געטאָ אין דעצעמבער 1941.

די דאָזיקע אויפטרייסלענדיקע שילדערונג איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: „אַ פּאַרוווקע", „אין באָד אַריין", „מען שפּריצט"... און „דער פּאַרוווקע-וואָגן איז דאָ".

די נעמען פון די קאַפּיטלעך כאַפּן דעם אָנבליק פון טיטלען, וואָס וואָלטן געווען אַרויסגענומען פון איינער פון שלום-עליכמס הומאָר-פולע מעשהלעך פון קאַסרילעווקע. אָבער אין דער אמתן, גיט דער מחבר דאָ איבער די עינויים קשים, וואָס יידן, מענער און פרויען, זענען אויסגעשטאַנען בשעת די כלומרשטע „היגיענישע אַקציעס", וואָס די דייטשע „סאַניטאַרישע" קאָמיסיעס האָבן, מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי, אַדורכגעפירט אין יידישע הייף (נאָר די געציילטע קריסטלעכע לאָקאַטאָרן, זענען געווען פריי פון דער דאָזיקער גזירה).

אַלץ איז דאָ אָן אויסרייד צו פּייניקן און צו לייטערן און אויס-צופּרעסן געלט. דיזענפעקציעס, געצוווּנגענע בעדער און אַנדערע עטאַפּן פון די דאָזיקע „רייניקונגען", זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי געלעגנהייטן אויף ברוטאַלער דערנידערונג, אַ שעת-הכושר אויס-צוגעפינען סאַדיסטישע איינפאַלן; ראַפינירטע פּייניקונגען, „ווו אַלץ איז געווען פון פריער אויסגערעכנט מיט אַ שכל".

(„מגילת פּאַרוווקע").

זינט דער אַנטשטייוּנג פון געטאָ אין נאָוועמבער 1940 איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקער שמוגל מיט לעבנסמיטלען. דער מחבר גיט איבער רעאַלע שילדערונגען פון דער דאָזיקער פיבער־דיקער אַקטיוויטעט, ווו ס׳פעלן נישט קיין קוריאָזן, וועלכע שפּילן זיך אָפּ אויפן פאָן פון דער טראַגישער, ביז האַלוצינאַציע־פירנדיקער געשפּאַנטקייט.

דער הויפּט־צענטער פון דאָזיקן שמוגל, צוזאַמען מיטן מאַרק, ווו די סחורות ווערן פאַרהאַנדלט אין דער גיך, האָט זיך געפונען אין שמאָלן קאָזע־געסל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דער אַרי־שער זייט דורך עטלעכע הייזער אין דער קווער, וועלכע זענען גע־ווען באַוווינט פון פּאָליאַקן. די פריערדיקע איינגענג פון די דאָזיקע הייזער זענען געווען פאַרמויערט און די טויערן האָבן זיך איצט גע־פונען אויף דער אַרישער זייט. בלויז די פענצטער, וועלכע זענען געווען פאַרקראַטעוועט, זענען אַרויסגעגאַנגען אין קאָזע־געסל. דורך די דאָזיקע פענצטער איז טאַקע אָנגעגאַנגען אַ גוט־אָרגאַניזירטער שמוגל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן טאָג און נאַכט.

וואַכן זענען אויסגעשטעלט, וועלכע „כאַפּן אַלע מאָל אַ קוק אַראָפּ צום עק פון געסל, צו דער זייט פון דער פראַנצישקאַנער, צו זען צי מען גייט נישט, מען פאָרט נישט, מען רייט נישט. און פּלוצ־לינג שניידט דורך די לופט אַ הייזעריקער, וואָרנענדיקער קוויטש:

— פּ ס ח !..

פּסח! — ווערט אונטערגעכאַפּט פון אַלע זייטן, און ס׳ווערן פאַרהאַקט און פאַרהאַמערט אַלע טירן.... די קריסטן אויבן ציען גיך אַרויף די שטריק, אויף וועלכע מען האָט פריער געהאַט אַראָפּגע־לאָזט בייטלען מיט מעל, קאָרן, קאַשע, הירזש, צוקער וכדומה.

„וואָרום עס איז „פּסח". עס איז געקומען עפּעס אַ גוי מיט אַ טעקע" מסתמא איז עס דער ריכטיקער פאַרשוין. איז שטיל אין קאָזע־געסל. „די שמוגלער־ראָד האָט זיך געשטעלט".

דאָס איז געווען אַ גאַנץ באַזונדערע וועלט פאַר זיך, מיט אירע אייגענע מינהגים און פירעכצן, מיט וועלכע דער עולם האָט זיך געמוזט רעכענען. דער מחבר פירט פאַר אונדז אַדורך איבערראַשנ־דיקע בילדער, וועלכע וועקסלען זיך כסדר און גייען איבער כהרף עיין פון טומלדיקסטן גערודער ביז דער שטילקייט פון אַ בית־הקברות.

„ווען ס'קומט די צייט פון אַראָפּלאָזן די סחורה (דורך די פענצ־טער), שטייען אַרום די שמוגלערס, זייערע ווייבער, זייערע זין און טעכטער, טרעגער...״ אָבער קויפן סחורה, „מעגן נאָר די יעניקע, וואָס האָבן די אָנערקענטע רעכט דערויף פון די שמוגלערס״. קען מען אַ מאָל הערן אַזאַ זאָג:

„ — יאַנקעלע פאַרך, אַ בראָך צו דיינע יאָרן. דו וועסט שוין מער צום פענצטער נישט צוגיין. יאָך גיב דיר מיין האַנט דערויף, יאָך וועל דיר שוין מאַכן די קאַנע...״

צום סוף פון קאַפּיטל „דער שמוגל ביינאַכט״, גיט דער מחבר צו, אַז „אויף וויפל דער שמוגל איז בעצם אַ נידעריקער ענין, „איז ער אָבער אין געטאָ געווען „די איינציקע רעטונג פון דער שארית הפליטה, און ווער ווייסט, צי מען וועט נישט אַ מאָל דאַרפן שטעלן דעם שמוגלער אַ דענקמאָל פאַר זיין איינשטעלעניש. וואָרום בדיעבד, האָט ער דערמיט געראַטעוועט אַ גרויסן טייל יידיש וואַרשע פון אַ הונגער־טויט״.

(„דער שמוגל אין געטאָ״.
וואַרשע, געטאָ, אָקטאָבער 1941)

*

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען ביי אים די, וואָס זענען אַמ־מיינסטן הילפלאָז, די פאַרלוירנסטע צווישן אַלע, די קינדער פון געטאָ:

„קינדער אויפֿן ברוק איז עפּעס אַזוינס, וואָס רירט דעם מוח, מען פֿאַרמאַכט די אויגן פֿון שוידער... עס דערגרייכט צו אונדזער דם התמצית, צו אונדזער מאַרך, צו אונדזער טבע.

פֿון אייביק אָן זענען קינדער געווען עפּעס אַ הייליקע זאַך פֿאַרן מענטש. דער נאָכוווּקס האָט אין זיך אַ שטראַל פֿון אָן אומבאַקאַנטן מאָרגן, דעם טוי און די צאַרטקייט פֿון אַ לעבן-בליִונג און דעם צויבער פֿון אַ מיסטעריע".

און די מאַוימדיקע טראַגעדיע, „דער הונגער-מאַרש פֿון יידישן מלחמה-קינד", האָט זיך אָנגעהויבן באַלד ווי מען האָט אים אַרויסגעלאָזט אויף הפקר נאָך די באָמבאַרדירונגען אין סעפּטעמבער 1939. איבערלעבנדיק איצט נאָך אַ מאָל יענע שרעקנס-בילדער, שרייבט ער:

„ווי מען גייט און ווו מען שטייט, זעט מען זיי, די הונגעריקע הפקר-קינדער מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך בעטן:

— האַרציקע יידן, האָטס מיטלייד מיט מיאַר, ס'הינגערט מיאָך!"

— אַ קרי-ש-קעלע בר-וי-ט! אַ זשאַ-ר-קעלע בר-וי-ט! אַ סקו-ר-קעלע!"

און ס'איז דעם מיליאָנען-קעפּיקן, דייטשן אַשמדאי געלונגען צו אַנטמענטשלעכן אַפֿילו טיילן פֿון זיינע יידישע קרבנות, ווי מיר זעען דאָס פֿון וויטערדיקן פּאַסאַזש:

„ווען אַזאַ פֿאַרוואָרלאָזט קינד האָט געטראָגן אין הענטל אַ שטיקל ברויט, האָט שוין צו אים געטראָפֿן דער „כאַפּער" און עס ביי אים אַרויסגעריסן; ווען דאָס אָרעמע קינד האָט אויף די פּיסלעך נאָך געהאַט אַ פּאָר לייטישע שיכלעך, נאָך געטראָגן אַ מער-וויניק לייטיש פֿאַלטנדל — האָט עס שוין באַמערקט די גוטע „מומע" מיט

די מכשפה-אויגן... מיט איין בליק דערקענט זי, אַז דאָס איז אַ פּליטים-קינד און נעמט זיך תיכּף צו דער אַרבעט:

— יינגעלע — זאָגט זי — ווילסט מ׳זאָל דיך אַריינגעמען אין אַ קינדער-כּראַניסקע? וועסט דאָרט קריגן גוט צו עסן און צו טרינקען... און אַ ראָוער האָב איך דיר אויך געקויפט. אָבער עס רעגנט דאָך איצט, מוז מען אים מיט עפּעס פאַרדעקן, ער זאָל נישט נאַס ווערן. שאַ, מיט וואָס זאָל מען אים פאַרדעקן? ווייסטו וואָס? לאָמיר אים פאַרדעקן מיט דיין פאַלטנדל. אַ יאָ, גוט?..."

און דאָס דאָזיקע אויפשוידערנדיקע קאַפּיטל פאַרענדיקט זיך מיט די שורות:

„בעת מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, געפינען מיר זיך אין קריטישסטן מצב פון געטאָ. נייע גירושים פון די וווינונגען, נייע אָפּגענומענע גאַסן ביים געטאָ, ענגער דער שטח און פעסטער די שטריק אַרום האַלדז, ווינטער, נאַס, קאַלט, נויט און טויט. וועט מען נאָך באַוויזן אָפּצוראַטעווען דאָס יידישע קינד?"

(„קינדער אויפן ברוק", וואַרשע, געטאָ, נאָוועמבער 1941).

*

„ — איר זעט, יידן, מיר האָבן שוין מיט מזל אַ יידישן פּאָטשטאַר, טאַקע ווי אין פּאַלעסטינע.

— און היטלער פון אַ פּאָטשטאַר וועט איר אויך האָבן? לענטעם? נומערן? און אַ פּאַסעק מיט אַ לעדערנער טאָרבע אויך?

אין יעדער יידישער שטוב האָט דער בריוו-טרעגער אָנגעטראָפן דערשטוינונג, גוטע בליקן, און די פריינדלעכע קבלת-פּנימס האָבן אים דערהויבן אין זיינע אייגענע אויגן. דער יידישער בריוו-טרעגער האָט געהאַט אַ גוטן אָנהייב".

דאָס איז געווען אין די ערשטע חדשים פון „מלכות געטאָ", ווען

יידן האָבן נאָך באַקומען בריוו און פּעקלעך פון זייערע קרובים אין רוסלאַנד.

אָבער די לאַגע אין געטאָ פאַרערגערט זיך פון טאָג צו טאָג, און באַלד שטעלט זיך אַרויס, אַז די אָפּנעמערס האָבן נישט צו באַצאָלן דעם אָפּצאָל, וואָס די גמינע האָט באַשטימט פאַר יעדן בריוו, ווייל די פּאָסט־מאַרקע האָט נאָר געגאָלטן ביזן טויער פון געטאָ. האָבן די אַדרעסאַטן אויסגעלאָדן די אומצופרידנקייט אויפן קאָפּ פונעם דירעקטן „שולדיקן", דעם בריוו־טרעגער. און די האַרציקע באַציִונג צו אים איז ביסלעכווייז אויסגערונען.

און זיין לאַגע איז געוואָרן וואָס אַ מאָל פיינלעכער. אין דער יידישער פּאָסט־פאַרוואַלטונג האָט זיך אָריינגעכאַפּט דער פאַר־דאַרבנסטער ווילקיר. מען האָט אַרויפגעלייגט וווכער־אָפּצאָלן אויף די פּעקלעך, וועלכע זענען אָנגעקומען דער עיקר פון רוסלאַנד. און ווען ביים אָפּנעמער האָט אויסגעפעלט דער גילדן אויסלייז־געלט, און די שכנים האָבן נישט געהאַט צו באָרגן, האָט ער אַפּעלירט צום בריוו־טרעגער, אַז ער זאָל אים אויסלייען די פּאָר גראָשן, און ווען יענער האָט דאָס נישט געקענט, האָט מען אים נישט געגלייבט:

„— עץ זענט נאָך ערגער פון די גויים — איז געווען די רע־אַקציע — דער גוייִשער בריוו־טרעגער האָט מיר תמיד געגלייבט אויפן וואָרט!"

פּרץ אָפּאָטשינסקי שילדערט ווייטער די גרויזאַמע נויט, וואָס האָט געהערשט אין די אָרעמערע גאַסן פון געטאָ ווי: קראָכמאַלנע, אָסטראָווסקע, סמאָטשע און ניזקע, ווו ביז דריי אַ זייגער נאָך מיטאָג איז אים אויסגעקומען צו טרעפן אין יידישע שטיבער אַ צען־צוועלף מענטשן אין די בעטן „מיט בלייכע פּנימער און פיבערדיקע אויגן... מען האָט געזען, אַז די מענטשן ליגט קיין שום זאַך נישט אין קאָפּ אַחוץ דער איינציקער וואַנזיניקער געדאַנק: ווו נעמט מען אַ שטיקל ברויט?... פיל האָבן שוין איבערהויפּט נישט געקענט שטעלן קיין

טריט... ביי אַ טייל האָט מען קוים די אויגן נאָך אַרויסגעזען פון הינ־טער די געשוואָלענע קישעלעך אַרום די אויגן־לעכער".

מען וואָלט באַדאַרפט ציטירן גאַנצע זייטלעך. אַזוי זענען די דערשיטערנדיקע שילדערונגען פון „דער יידישער בריוו־טרעגער" פול מיט קינסטלערישע בילדער און מיט אינהאַלט פון אַ היסטאָרישן ווערט. יעדער מענטש, ייד צי נישט־ייד, וואָלט זיי באַדאַרפט איינ־קריצן ביי זיך אין זיכרון, קיין מאָל נישט צו פאַרגעסן.

די לאַגע אין געטאָ ווערט ערגער און ערגער. „דער יידישער בריוו־טרעגער", ווו די ערשטע בלעטלעך זענען נאָך געשריבן אין אַ מונטערן טאָן, ווו מיר זעען מענטשן, וואָס האָבן נאָך אויף זיך דעם צלם אלוהים, פאַרענדיקט זיך אין אָקטאָבער 1941, אַ קנאַפּ יאָר נאָך דעם ווי די יידישע באַפעלקערונג פון וואַרשע און פּראָווינץ זענען געוואָרן אָפּגעצוימט אין געטאָ, מיט די פאָלגנדיקע פאַר־יאושטע שורות:

„דער קאָשמאַר אין יידישן וואַרשע ווערט געדיכטער, די האָ־פענונגען פאַרלאָשענער. נישטאָ מער קיין בריוו פון רוסלאַנד, נישטאָ קיין פּעקלעך, נאָר מויערן, רויטע, איינטאָניקע, קאַלטע געטאָ־מויערן".

(„דער יידישער בריווטרעגער",
וואַרשע, געטאָ, אָקטאָבער 1941).

✶

אין דעם בית־תפילה פון דער יידישער פּאָעזיע איז פּרץ אָפּאָ־טשינסקי געשטאַנען אין אַ ווינקל ביי זיין שטענדער און געדאַוונט ביחידות.

אָבער ס'האָבן אַרויסגעשטראָמט פון דאָרט סנאָפּעס ליכט, אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אָפּשטראַלונגען פון זיינע גרויסע אור־זיידעס.

אין צענטן קאַפּיטל פון זיין „נע ונד״ זעען מיר יוחנן מבקש אין זיין נידערגעשלאָגנקייט, נאָך דעם ווי ער קערט זיך אָפּ פון די „געצנדינערישע קווילעך״, מיט וועלכע ס׳איז באַוואָרפן דעם מוהר״נס קבר.

ער באַגרייפט אין דער מינוט, אַז יענער וועג „אויף צוריק״ איז אויף אייביק פאַרשלאָסן. און אַ צעבראָכענער, שלעפּט ער זיך אַרום אויף די פאַרלוירענע פעלדער מיט זיין אָנגעוואָרענעם גלויבן. ער קען אָבער אָן אַ גלויבן נישט לעבן:

„און פרייטיק-צו-נאַכטס, בשעת פון שול-הויף פלאַטערט אַ טיף-נשמהדיק געזאַנג פון ברענענדיקע ליכט, שטרעק איך אוים מיין האַלדז, ווי אַ דורשטיק פערד, און קען מער נישט אַריין אין תוך פון אָט דעם לעבן. ...און איך, החוטא יוחנן, אַן אייניקל פון ר׳ ישראל דוויד, דעם פלימעניק און תלמיד פון רבי ר׳ בינעם פון פשיסכע, דריי זיך אַרום אין אַ דור אָן אמונה מיט אַ פאַרלאָשענער האַלעוועשקע פון מיין זיידנס פייער אין האַנט. אויף די קברים פון מיינע אָבות גיי איך און לייען אַראָפּ פון די אויפשריפטן אויף די מצבות דאָס חשיבות פון זייער לעבן. און איך האָב פאַרשעמט אייך און בין אַנטלאָפן פון מיין שיינער היים, אַנטלאָפן״.

ניין, פרץ אָפּאָטשינסקי האָט נישט פאַרשעמט זיינע גרויסע אָבות! פאַרקערט, זיין גלויבן איז אַ געשטאַרקטער, אַריבערגע-וואַקסן אַלע ניסיונות! זיין עלטער-זיידע ר׳ ישראל דוויד, אַן אָפּ-שטאַם פון די גולי אַשכנז, וואָס האָט תמיד זיך מכין געווען צו קומען צו דער מדריגה פון קידוש-השם און האָט ביז דער פטירה נישט אויפגעהערט צו וואַרטן בקדושה אויף דער דאָזיקער שעה — האָט זיך דערוואָרט, אַז זיין אור-אייניקל זאָל מקדש השם זיין אויף זיין אָרט, שטייענדיק ביזן לעצטן אָטעם-צוג אין דינסט פון זיין פאָלק.

אשר שווארצמאן

(1919 — 1889)

ביאגראפישע שטריכן,
נאטיצן און זכרונות

אשר שוואַרצמאַן

פאָטאָגראַפירט אין קאַליש, אין פרילינג 1914

„ס'פליצט אַ באַנגקייט פאַרביי די ווענט,
ווי רעגן פאַר אַ באַרג־שפּאַלט,
און אין געמיט האָט אַ קלאַפּ געטאָן די דערמאָנונג,
ווי אָן דר'ערד אַ פויגל, וואָס פאַלט;
אַ נישט־פאַרענדיקטער געדאַנק,
ווי אין שלאָף אַ מידער גאַנג,
און ווי אין חלום אַ געזאַנג,
שלייכט זיך דורך אין מוח און פאַרפאַלט".

י. ז.

(פראַגמענט פון דער פּאָעמע „יאָרצייט").

אין אויגוסט 1919 איז נעבן אוקראַיִנישן שטעטל סאַרנע גע־פאַלן אין קאַמף קעגן פּוילישע אינטערווענץ־חיילות דער קאָמאַנדיר פון אַן אויסשפּיר־אָפּטייל פון באַגונער פּאָלק, דער פּאָעט אשר שוואַרצמאַן.

זיין קבר געפינט זיך אויף דער אייזנבאַן־סטאַציע ראַפּאַלאָווקע, ווו ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה, צוזאַמען מיט נאָך עלף שלאַכט־לייט פון דער רויטער אַרמיי.

זייער יונג, אין עלטער פון נישט קיין פאַרענדיקטע דרייסיק יאָר, איז ער אומגעקומען, און ס'איז נאָך אים נישט פאַרבליבן קיין גרויסע אין צאָל ליטעראַרישע ירושה. אָבער די פינף און זעכציק גרעסערע און קלענערע שאַפונגען זיינע, מיט זייער ערלעכער פּשטות און קאָלירפולן טאָן, מיט זייער געמאָסטענעם פּאַטאָס און אומגע־צוימטקייט אין דער פאָרעם, האָבן געגעבן אַ שטופּ פאָרויס די נייע ייִדישע דיכטונג פון יענער עפּאָכע און געהאַט אַ געוואַלטיקע השפּעה אויף אַ גאַנצן דור יונגע פּאָעטן, וועלכע האָבן זיך אויסגע־פורעמט אויף זיין טראַדיציע. זיין אַקטיווע בענקשאַפט איז געווען העל־גלייביק און ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער ייִדישער פּאָעזיע דעם שטילן העראָיִזם, באַגלייט פון די טיפסטע עטישע שטרעבונגען.

פון לירישן גרונט-טאָן הייבן זיך אַרויס שטאַרקע קלאַנגען, וואָס ווירקן מיט קראַפט און רייסן מיט. און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ער האָט אַזוי לייכט געקענט געפינען דעם דירעקטן וועג צום לייענערס געמיט און געווינען אים פאַר אַ חבר. דער לייענער שענקט אים אָן וואַקלענישן זיין צוטרוי און זוכט אים צו באַגעגענען אַ צווייט מאָל.

*

אשר שוואַרצמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַיִנישן דאָרף ווילניאַ, דעם 18טן אָקטאָבער 1889. זיין פאָטער — אַ וואַלד-שרייבער — האָט געהאַלטן פאַר אים אַ לערער אין דער היים און אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג.

צוליב דעם פאָטערס באַשעפטיקונג, איז דער מישפחה שוואַרצמאַן אויסגעקומען אָפט צו בייטן איר וווין-אָרט, ווייל ווען איין וואַלד איז געוואָרן אויסגעהאַקט, האָט מען זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדערן וואַלד-יישוב. דער יונגער אשר האָט אַזויערנאָך פאַרבראַכט זיינע קינדער-יאָרן אין פאַרשיידענע וואַלד-געגנטן, דער עיקר אין נאָווינקע, נישט ווייט פון קיעוו, וווּ ער איז פאַרבליבן 9 יאָר נאָך אַנאַנד (1895—1904).

ווי ס׳גיט איבער רחל ציאַנאָווסקע, וועלכע איז אויפגעוואַקסן אין איינעם מיט אשרן, איז ער געווען שטאַרק באַווירקט פון דער אַרומיקער נאַטור און ער האָט זיך טיף אַדורכגענומען מיט די מעשיות, וואָס זענען דערציילט געוואָרן וועגן די העלדישע קאַמפן פון די נאַראָדאָוואָלצעס. „אשר מיט די אַנדערע קינדער — דערציילט ר. צ. — פלעגן זיך צוהערן מיט האַרצקלאַפעניש צו די וווּנדערלעכע מעשיות פונעם 80-יעריקן פאַסטעך בענעד און טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד מיט אַנדריי לאַווריִנענקאַ, אַ פויער, וואָס פלעגט אַליין פאַרפאַסן לידער מיט מעשהלעך”.

✶

גאַנץ פרי דערוועקט זיך אין אים דער דראַנג צום שרייבן. אינספּירירט פון אַן אוקראַיִנישן דיכטער, דערציילט ער וועגן דעם:

נאָך קינדערווייז, שוין לאַנג בין איך אַ מאָל
אַרוים פון שטוב אין וווּנדערלעכן דרויסן,
דעהערט האָב איך אויף סטעפּעס זייד-געראוישן,
דער לאַכנדיקער טאָג געקלונגען האָט ווי שטאָל.

גאָטס גאַנצע וועלט האָט זיך געפּרייט...
מיט זון, מיט תבואה-פעלד, מיט לאָנקע.
און ס'איז צו שווער געווען מיין פריידן-לייד,
און ס'האָט זיך פון מיין קלינגענדיקן האַרצן
מיין ערשט געזאַנג אויף וועלט פאַרשפּרייט.

פון 1908 איז דאַטירט זיין פיר-פעדזנדיק ליד:

אַ שטראַל פון דער זון האָט אַ כוואַליע געקושט
מיט ליפּן פון ריינעם גינגאָלד
אַ שפּרונג האָט די כוואַליע געטאָן, ווי צעמישט,
און לעבן שוין מער ניט געוואָלט.

אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן (1908—1911) הערן מיר ביי אים אָפט האַסטיק-אימפּעטיקע ריטמען. ס'איז עפּעס ווי ער וואָלט געוועלט איבעראַשט צו אַנטפּלעקן מיט אַ מאָל די אומבאַגרענעצטע רחבות פונעם וועלט-באַשאַף. ער נעמט אויף דאָס לעבן ווי אַ מתנה, וואָס פאַרשיכורט און ווי אַן אומגעריכט גרויס גליק, וואָס איז אָטעם-פאַרכאַפּעריש:

...כ'לויף און פאַל און הייב זיך ווייטער,
און דאָס גרויסע ליד פאַרסמט מיך

מיט אַ פריַיהייט אַ פאַרשייטער.
...שטאַרקער, דינסטע גילדן-טאָצן!
איך פאַרפלאָנטער זיך אין קווייטן,
און דאָס האַרץ פאַר גליק וויל פּלאַצן!

אין יענער פרי-יוגנט-צייט האָבן זיך שוין געהאַט צעקלונגען די העל-לירישע טענער פון זיין אויפגעוואַכטן געמיט, אָנגעזאַפּט מיט נאַטור-אַסאָציאַירטע אַקאָרדן:

ניט קיין הירש האָט זיך דערשראָקן,
אין מיטן שפּרונג זיך אָפּגעשטעלט,
צו פאַרדאַכטע טריט פון ווייטן
אויג און אויער אָנגעשטעלט.
ס'האָט מיין שענסטע שטיל געציטערט —
זי האָט קלאָר נאָך ניט געוווּסט
וואָס אַזעלכעס קומט און פרעגט ניט
און מאַכט שלאָגן הויך איר ברוסט.

ער באַרבינדט זיך אין קיעוו מיטן ליטעראַרישן קרייז, וועלכער גרופּירט זיך אַרום נחמן מייזילס שטוב. אין זיין אַרטיקל „אשר שוואַרצמאַן", דערשינען אין „די יידישע קולטור", אָקטאָבער 1949, שרייבט מייזיל וועגן יענער צייט:

„זינט 1910 איז ער (א. ש.) געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער קיעווער גרופּע שרייבער-אָנפאַנגער, וועלכע האָבן מיט דער צייט אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און געבילדעט דעם קיעווער ליטעראַרישן צענטער".

נאָך דעם ווי ער רעכנט אויס די נעמען פון דוויד בערגעלסאָן, דער ניסתר, א. וויטער, צבי הירשקאָן, ליב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש אאַנ"ד, וועלכע האָבן געהאָלפן שאַפן דעם דאָזיקן ליטעראַרישן צענטער, גיט ער צו:

„עס זענען געווען מערקווירדיקע יאָרן פון דורכשלאָגן סטעזש־קעס און וועגן, פון אויפשטעלן ביידלעך און בנינים, פון אויסבילדן גרופּעס און פאַרמעסטן זיך אויף אייגענע שאַפונגען און גאָר אייגענע דרכים, וואָס קערן אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם ליטעראַרישן שליאַך”.

✶

אין יאָר 1911 גייט שוואַרצמאַן אַוועק אין מיליטער. ער ווערט אָפּגעשיקט אין 14טן קאַוואַלעריע־פּאָלק אין קאַליש, ווו ער וועט פאַרבלייבן ביזן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דער פּוילישער גובערניע־שטאָט, וואָס ליגט האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ, פאַלט ער אַריין אין אַ וועלט, וואָס איז פאַר אים ווילד־פרעמד. ווי האָט אים געמוזט זיין דערווידער די רויע קאַזאַרמע־אַטמאָספער נאָכן פאַרלאָזן די היימישע סביבה, פון וועלכער ער איז ערשט נאָר־וואָס ברוטאַל געוואָרן אַרויסגעריסן!

און מיר הערן מער נישט פון אים די אַלעגרישע טענער פון:

אַ באַגייסטערט גליקלעך זינגען...

וואָס —

...פון דער וויטקייט, ווו די הימלען
זיימען זיך מיט בלויע וועלדער,
טראָגט זיך אָן און ברייט צעגייט זיך
אין דער העלקייט פון די פעלדער,

נאָר ווי צוזאַמענגעפּרעסט און קאָנצענטרירט אויף זיך אַליין, ווערט זיין שטים איינגעהאַלטענער און פאַרטיפט:

ווען מיר זענעןביידע געוואָרן צעשיידט,
געלייגט האָט זיך מיר אויפן האַרצן אַ שטילקייט...

די גרויזאַמע שטילקייט פון וואַלד אין פאַרנאַכטן,
וואָס ווערט מיט אַ בענקענדן קראַקען באַגלייט.

אַ שטיקל צייט הערט ער אין גאַנצן אויף צו שרייבן. אָבער גיך איז ער אין זיך גובר די דעפּרימירטע שטימונגען. ער באַמיט זיך צו מאַכן קענטשאַפטן מיט דער אָרטיקער יוגנט און נעמט זיך ווידער צום שרייבן.

*

קאַליש איז אין יענע יאָרן געווען אין פּוילן אויפבלי. צווישן יידן האָט מען דעם אויפגייענדיקן אינדוסטריע-צענטער גערופן „קליין אַמעריקע", מיסתמא דערפאַר, ווייל פון דער ווייטער פּראָווינץ האָבן דאָרט כסדר צוגעשטראָמט יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך באַלד נאָך זייער אָנקומען אַריינגעפלאָכטן אין דער פיבערדיקער אַקטיוויטעט פון דער אָרטיקער שטיקעריי-פאַבריקאַציע. יידן, וואָס האָבן אין זייערע שטעטלעך שוין אַלץ געהאַט אויסגעפּרוּווט, און נישט מער געוווּסט צו וואָס זיך צו נעמען, האָבן דאָ אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט „דעפעקטן" (פעלערדיקע שפּיצן) און דערפון געצויגן חיונה; די מיידלעך זענען געוואָרן „אויסבעסערקעס" און פאַרריכט די קליינע פעלערן אויף די „שפּאַנען" (9-מעטערדיקע שטיקעריי-לייוונטן, נאָר-וואָס אַרונטערגענומענע פון דער מאַשין); די יינגלעך זענען געגאַנגען „פעדלען" צו אַ שטיקער, וועלכער האָט זיי ביסלעכ-ווייז צוגעלאָזט צו דער מאַשין; אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט מען שוין, ווי ס'איז, זיך אויסגעלערנט צו האַלטן אַליין דעם „באַנדי-גראַף" [1] אין דער האַנט און מען איז געשטיגן מיט אַ שטאַפּל העכער אין דער היעראַרכיע פונעם פאַך.

קאַליש האָט, ווי דער שמועס איז געגאַנגען צווישן יידן, „באַ-שפּייזט" גאַנץ רוסלאַנד מיט שפּיצן און אַפּליקאַציעס פון כל המינים. די פּראָסנע, וואָס האָט מיט אַ שטראָמיקער פרישקייט פּול-סירט אין די גאַסן פון דער שטאָט, די פּראָסנע, האָבן יידן זיך גע-

גרויסט, האָט אַזאַ מין וואַסער אין זיך, וואָס איז אָנגעמאָסטן אויף צו „בלייכן" די שפּאַנען.

און אַזוי האָבן די שטיקעריי־פאַבריקן זיך געמערט איבער נאַכט. פרישע גאַסן זענען כסדר צוגעקומען אין די אויסן־שטעטישע קוואַר־טאַלן, און די שטאָט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

אַ מאָל האָט קאַליש געהאַט איר אייגענעם יידיש. ווייך און מיט אויסגעצערטלטע וואָרט־ענדונגען. מ'האָט געזאָגט: אַ לעפלכיע, אַ קיכיעלכיע, אַ ביסיע ברי (אַ ביסל יויך). מ'האָט געזאָגט: זעכיצן, אים איילייעוו (עלף אַ זייגער) וכדומה.

אָבער מיטן צושטראָם פון די „פרעמדע", וואָס זייער צאָל האָט גיך איבערגעשטיגן די אַלט־היימישע, האָט מען דאָרט אָנגעהויבן צו הערן אַלע מינים דיאַלעקטן, פון וועלכע ס'האָט זיך שפּעטער אויספאָרמירט אַן אייגנאַרטיקע אויסשפּראַך. דער קאַלישער יידיש האָט איצט געקלונגען דרייסטער, קרעפטיקער און דערביי האָט ער עפּעס געהאַט געירשנט פון דער פריערדיקער זינגעוודיקייט און איז געוואָרן ווי אַ סינטעזע צווישן פּוילישן און ליטווישן יידיש.

דער יישוב האָט, צוליב זיין ראַשיקן פאַנאַנדערוואַקסן זיך, ערשט גענומען זיך איבערפאָרמירן סאָציאַל, פּאָליטיש און קול־טורעל, און אין די יאָרן 1911—12 האָט דאָס אַקטיוו־געזעלשאַפט־לעכע לעבן ערשט געהאַלטן זיך אין שאַפן און נאָך נישט געהאַט אָנגענומען זיין ענדגילטיק געשטאַלט.

האָבן זיך געשאַפן קרייזלעך. דער עיקר צווישן אַרבעטער און שול־יוגנט, ווו ס'האָט, צום גרויסן טייל, געהערשט דער גייסט פון דער דעמאָלט פאַרשפּרייטער באַוועגונג „פּאָלקיזם". צווישן די ערשטע זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן אין גאַנצן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם ישיבה־בחור. מען איז געקומען צו דער אַרבעט אָנגעטאָן אין דער לאַנגער קאַפּאָטע מיטן טוכענעם „יידישן" היטל אויפן קאָפּ. אַנדערע, ווידער, צווישן די דאָזיקע אַרבעטס־

מענטשן האָבן נאָך געטראָגן אויף זיך קענטיקע סימנים פון די באַלעבאַטישע שטיבער, פון וואַנען זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן קעגן ווילן פון די עלטערן, כדי צו קענען פירן אַן אומאָפּהענגיק, פּראָדוקטיוו לעבן אין דער גרויסער שטאָט.

מ׳האָט געמאַכט קענטשאַפט אין דער פאַבריק, צי מ׳האָט זיך באַקענט אין גרויסן שטאָטישן פּאַרק, ווו מען פלעגט פאַרברענגען אין די פרייע שעהן. גרופּעסווייז איז מען זיך צונויפגעקומען, דאָ ביי דעם, דאָ ביי יענעם, אין אַ „קאַוואַליערקע״, געזונגען לידער, דיסקוטירט וועגן ברענענדיקע פּראָבלעמען און געשמועסט ליטעראַטור ביז שפּעט אין דער נאַכט.

*

נישט ווייט פון דער „גאַזאָווניע״, אין איינעם פון די גרויסע, פּריש-צוגעבויטע הייזער אין סאַמע עק שטאָט, וווינען די דריי שוועסטערן ג....

פאַר נאַכט... אין געררומען צימער אויפן אויבערשטן שטאָק, ווו ס׳זיצן ביי זייער אַרבעט די דריי „אויסבעסערקעס״, איז שטיל. די עלעקטרע איז נאָך נישט אָנגעצונדן, און די ערשטע סימנים פון שפּעט-זומערדיקן בין-השמשות נעמען זיך שאָטענען אין די פאַלדן פון די „שפּאַנען״, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן אויפן דיל. דורכן אָפענעם פענצטער דרינגען אַריין פון דער לאָנקע פעלד-ריחות, וואָס פילן אָן דאָס צימער מיט נאָכטראַכטעניש און פאַרהוילענע דערוואַרטונגען.

אַ קלאַפּ אין טיר... אויף דער שוועל באַווייזט זיך אַ... רוסישער זעלנער... די מיידלעך בלייבן זיצן געפּלעפט: פון וואַנען האָט זיך דאָ מיט אַ מאָל גענומען אַ רוסישער דראַגונער?!

ערשט ווען ער האָט אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער, און זיי האָבן אים געהערט רעדן יידיש, זענען זיי געקומען צו זיך.

אשר שווארצמאן מיט קאלישער פריינד

גרופּנבילד, אויפגענומען אין קאַליש, אין פרילינג 1914

ס׳זיצן פון רעכטס אויף לינקס: **צירל האָראָנטשיק, אַ שוועסטער פון ראָמאַנען־שרייבער שמעון האָראָנטשיק,** (היינט אין ראַטנפאַרבאַנד); **פריידע זאַנדבערג, פרוי פון פּראָפעסאָר שמואל אייזנשטאַדט** (היינט אין ישראל); **אשר שוואַרצמאַן אין אוניפאָרם פון אַ רוסישן מיליטער־מאַן; מינדל גראַבינער** (היינט אין אַמעריקע); **שיינדל זאַנדבערג** (לעבט נישט מער)

ס׳שטייען פון רעכטס אויף לינקס: **אברהם אַראָנאָוויטש** (פּאַריזער קולטור־טוער); **הערשעלע דאַנילעוויטש, פּאָלקסדיכטער, אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ; ישעיה זאַנדבערג** (היינט אין בעלגיע); **איטשע לעווקאָוויטש** (היינט אין אַמעריקע); אויפן פּאָדער־פּלאַן: **יצחק קלעטשעווסקי, זשורנאַליסט, אין פּאַריז**

— איך היים אשר שוואַרצמאַן — האָט זיך דער נישט-געז בעטענער גאַסט פאַרגעשטעלט מיט אַ מין שעמעוודיקער דרייסט-קייט — איך בין פון קיעוו אאַז״וו...

און אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז אויף דער לאַנקע, ווו ס'גייט אַרוים דאָס פענצטער פונעם צימער, איז שוואַרצמאַן דעם טאָג געווען אויף מיליטערישע איבונגען און ער האָט געהערט פון פענצטער אַרוים יידישע לידער, וואָס די מיידלעך האָבן געזונגען ביי דער אַרבעט. האָט ער זיך אָנגעמערקט דאָס הויז און ווי נאָר ער איז געוואָרן פריי פון דינסט, איז ער געקומען צו גיין.

ער איז באַלד געוואָרן היימיש. האָט אַליין אָנגעהויבן צו זינגען „האָב איך מיר אַ מיכאַלקע״, היינעם „אזרא״ אויף יידיש און אַנ-דערע יידישע און אוקראַיִנישע לידער. די שעהן זענען געלאָפן מיט אַ גיכן טעמפּאָ, און ביים אַוועקגיין האָט מען זיך געזעגנט ווי אַלטע פריינד, זיך צוזאָגנדיק ווידער זיך צו טרעפן.

דאָס איז געווען זומער 1912. אָבער נאָך פאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט שוואַרצמאַן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט יידן. אַזוי באַקענט ער זיך אין אַ יידיש שפּייז-געוועלבל, ווו ער קומט אַריין אויסרייכערן אַ פּאַפּיראָס, (אין צאַ-רישן רעזשים איז אַ זעלנער פאַרווערט געווען צו רייכערן אין דער עפנטלעכקייט) מיטן שפּעטער באַקאַנט-געוואָרענעם זשורנאַליסט יצחק קלעטשעווסקי. אין אַ רעסטאָראַן באַקענט ער זיך מיטן יונגן העברעיִש-יידישן עסייִסט און דערציילער פּרץ אָפּאָטשינסקי, וועל-כער וועט שפּעטער זיין איינער פון די פּרוכטבאַרסטע שרייבערס אין וואַרשעווער געטאָ און אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון עמנואל רינגעלבלום ביים צונויפשטעלן דעם געטאָ-אַרכיוו.

מען טרעפט זיך די ערשטע צייט אין דער וווינונג פון די שוועסטערן ג... דאָרט פאַרבינדט ער זיך מיט אַ קרייז אַרבעטס-מענטשן, שרייבערס-אָנפאַנגערס, געוועזענע ישיבה-בחורים, מייד-לעך שילערינס פון גימנאַזיע און באַלעבאַטישע טעכטער פון דער

פּראָווינץ, וואָס פאַר זייער עמאַנציפּאַציע האָבן זיי באַצאָלט מיט שווערער האַרעוואַניע אין דער גובערניע־שטאָט.

אין דאָזיקן קרייז האָבן זיך אויך געפונען: דער שפּעטער באַקאַנט־געוואָרענער ראָמאַניסט שמעון האָראָנטשיק, דער שפּאַניש־יידישער זשורנאַליסט פון אַרגענטינע מענדל זאַקס (עמזא) און דער פאָלקס־דיכטער הערשעלע (דאַנילעוויטש), וועלכער איז צו יענער צייט געווען פאַרשיקט אין קאַליש דורך דער צאַרישער פּאָליציי־מאַכט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין זיין היימשטאָט לאָדזש.

*

אין אַ בריוו צו אַ קיעווער פריינד שילדערט שוואַרצמאַן אַ טאָג פון זיין סאָלדאַטן־לעבן אין קאַליש:

„מען שטייט אויף פיר אַ זייגער אין דער פרי און ביז אַכט אויף דער נאַכט מוז מען זיין אין עסקאַדראָן. ביז ווארעמס פאָרט מען אין פעלד אויף איבונגען. דאָס פאָרן אַליין איז אַפילו אָנגענעם. נישט אָנגענעם איז נאָר דאָס קומען צוריק, ווען מען דאַרף אַלץ רייניקן און וואַשן. עס מאַכט זיך, אַז שטייענדיק ביי די פערד, דערמאָנט מען זיך אָן דער היים און עס נעמט אָן אַזאַ בענקשאַפט, אַז מ׳גיט זיך אַפּ אין גאַנצן די רעיונות. פאַרלייגט מען דאָס בערשטל אונטער דער האַנט און מ׳זעצט זיך אין אַ זייט אויף אַ ביסעלע שטרוי און מען טראַכט און מען קלערט. און נאָר אין מיינע אויגן פנים אל פנים, וואָלסטו געקענט זען די גאַנצע בענקשאַפט מיינע. איך טו שוין דעמאָלט גאָרנישט און דריי זיך אַרום ווי אַ מטורף. אַרום אַכט אַ זייגער ווער איך פריי און איך גיי אַרויס צו מיינע באַקאַנטע יינגלעך, זייער, זייער גוטע יינגלעך. און מיט געשרייען און מיט נאַרישקייטן גלוסט זיך פאַרשלאָגן אַ ביסל דעם קאָפּ, ווייל דאָס האַרץ טוט זייער וויי".

שוואַרצמאַן איז נישט בלויז געווען עלטער פון די „יינגלעך"

אין יאָרן (אַחוץ הערשעלען און האָראָנטשיקן, זענען מיר אַלע געווען יונגטלעכע אין עלטער פון 16—19 יאָר), נאָר ער איז סתם געווען דערוואַקסענער פון אונדז, און מיר האָבן אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו אַן עלטערן ברודער.

און ביי דעם אַלעם זענען מיר אפשר אין גערמיט נאָך געווען יינגער פון אונדזערע יאָרן, און פון דעסטוועגן איז דער „שמח בחור בילדותך" נישט געווען אונדזער וואָדע־מעקום אין לעבן. מיר האָבן דעמאָלט ערשט אַדורכגעמאַכט די קריזיס־ווייען פון אונדזער רייף־ווערן. דער רוב פון אונדז איז געקומען דירעקט פון בית־מדרש מיט אידעאַלן, וואָס זענען לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט צום האַרטן לעבן. אין דער ליטעראַטור איז ביי אונדז געשטאַנען אויבן־אָן נאָמבערגס פליגלמאַן און אַנדערע, ענלעכע צו אים, ביכער־העלדן פון ייאוש און שעמום. די דאַזיקע שטימונגען זענען ביי אונדז געוואָרן אידעאַליזירט און ס'איז ביי אונדז אויסגעקומען, אַז זיי זענען דער העכסטער אויסדרוק פון פילבאַרקייט און מיר האָבן אַ ביסל קאָקעטירט מיט די דאָזיקע נאַיווע ברוגזן אויפן לעבן.

דער דאָזיקער קאָמפּלעקס, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „פעסימיזם", איז טיילווייז געווען אַ מכת־מדינה, און ס'האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין פּוילן — דער עיקר אין וואַרשע — אָרגאַניזירטע גרופּן, וואָס האָבן זיך גערופן: „פעסימיסטן־זעלבסטמערדערס"...

און דאָ האָט פּרץ אָפּאָטשינסקי געגעבן דעם טאָן. האָט געקענט זיין אין דרויסן אַ זוניקער זומער־טאָג. ס'איז שבת. מען איז פריי פון דער אַרבעט. אָבער אַנשטאָט אַרויסצוגיין פאַרברענגען מיט חברים, שפּרייזט ער אַרום אין זיין צימערל, אויף און אָפּ, און ברומט אַ חסידישן ניגון. „וואָס איז דער תכלית, זאָגט ער, פון אַרומגיין סתם און זיך אָנטאָן תענוגים, ווען ס'איז פאַראַן אַזוי פיל אומגליק אויף דער וועלט".

געדענק איך, ווי איין מאָל, אין אַזאַ שבתדיקן נאָכמיטאָג, האָבן

מיר זיך ביידע געלאָזט גיין אַרויס פון דער שטאָט. מיר האָבן זיך געגרייט צו דינגען אַ שיפל אויף אַדורכצופאָרן זיך איבער דער פּראָסנע. און שוין שטייענדיק פאַרן בריקל, ווו מען פאַרדינגט די שיפלעך, באַזינט ער זיך מיט אַ מאָל: ווי מיינסטו, צי וואָלט נישט געווען גלייכער, אַז מיר זאָלן דאָס געלט בעסער אַוועקגעבן אַ נויט-באַדערפטיקן ייִד?

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז שוואַרצמאַנען האָבן אַזעלכע דרכים נישט געקענט געפעלן. ער, אַ קערנדיק-געזונטער, וואָס איז געווען מיט דער פרייער נאַטור אויף „דו״, וואָס איז געווען פאַרליבט אין לעבן מיט זיין ברויזנדיקן עקסטאַז; וואָס די פרייד האָט אַרויס-געשפּאַרט פון אים אפילו אין מינוטן, ווען ער האָט אויסגעזען צו זיין פאַרזאָרגט, ער האָט קענטיק געהאַט עגמת-נפש, זעענדיק ווי מיר פטרן אַוועק אונדזער פריִע יוגנט-צייט.

אָבער ער האָט מיט אונדז נישט איינגעטענהט און נישט גע-זוכט אויף אונדז צו ווירקן סתם מיט ווערטער, נאָר, ווייזט אויס, געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט. ביז ער איז געקומען צו גיין איין מאָל אין אַן אָוונט אַ באַזונדער אויפגעלעבטער און פול מיט אַ ברויזנ-דיקער פריילעכקייט. ער האָט באַלד גענומען דערציילן, אַז ער איז געווען ערגעץ אין אַן אָרט, האָט מען דאָרט שטאַרק גערעדט וועגן אונדז און מען האָט אונדז וואַזשנע געלויבט. „אָ, וואָ! — האָט מען דאָרט געזאָגט — זיי זענען עפּעס גאָר איידעלע יונגע לייט, זיי זענען פּעסימיסטן, זענען זיי!״ און דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך צע-לאַכט מיט אַזאַ אָנשטעקנדיק געלעכטער, אַז וויפל מיר זאָלן נישט זיין געווען אין ערשטן מאָמענט געפּלעפט דערפון, וואָס מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז אשר לאַכט אונדז אויס, האָבן מיר נישט געקענט נישט מיטלאַכן מיט אים. מיר האָבן געשמייכלט און געלאַכט איבער אונדזער אייגענער לעכערלעכקייט, וועלכע האָט זיך אין די עטלעכע מינוטן אַזוי באַשיימפּערלעך פאַר אונדז אַנטפּלעקט.

מיר האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט, צי האָט ער טאַקע דאָס אַלץ

געהערט „ערגעץ אין אַן אָרט", אָדער ער האָט פּשוט די גאַנצע גע־שיכטע אַליין צוגעטראַכט פאַר אונדזערטוועגן, אַז ס'זאָל זיין צו אַ רפואה... אָבער די ווירקונג פון דאָזיקן הייל־מיטל איז געווען ראַדיקאַל, און אין יענעם אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער גענעזונג...

✶

אַ גאַנצע ליטעראַטור איז ביז היינט געשאַפן געוואָרן אַרום דער געשטאַלט פונעם דיכטער־העלד אַשר שוואַרצמאַן. לעגענדעס זענען אויפגעקומען, וואָס דערציילן זיינע העלדישקייטן אויף די פראָנטן און אין דער רעוואָלוציע. אין זיינס אַ ליד פאַרגלייכט אים דוויד האָפשטיין צום אוקראַיִנישן פאָלקס־העלד שטשאָרס:

דער זון דער שטאָלצער פון מיין פאָלק,
דער רייטער פון באַגונער פאָלק,
מיט העלדנמוט פאַר אַלע, אַלע...
איז אין וואָלין, ווי שטשאָרס, געפאַלן.

ס'האָבן אים באַזונגען אין זייערע לידער די פּאָעטן: שמואל ראָסין, כאַשטשעוואַצקי, אַ. קושניראָוו, לייב קוויטקאָ, אַ. גאָנטאַר אאַנ"ד. אַ גאַנצע פלעיאַדע ליטעראַטור־קריטיקערס האָבן וועגן אים געשריבן ברייטע אָפּהאַנדלונגען. גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן פאַר זיינע לידער געשאַפן מוזיק, און דער באַרימטער אוקראַיִנישער פּאָעט, פּאַוולאָ טיטשינאַ, האָט ספּעציעל שטודירט די יידישע שפּראַך, כדי צו קענען אַליין איבערזעצן אין אוקראַיִניש שוואַרצמאַנס לידער, אין וועלכע ער האָט געפונען באַזונדער־בילדערישע עלעמענטן פון אוקראַיִנישן פייזאַזש.

אָבער צו יענער צייט, נישט געקוקט דערויף, וואָס די ערשטע לידער זיינע, ווי: „די קרעטשמע", „דער שניטער" אאַנ"ד, זענען בשעתם געגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין קאָפּיעס און געוואָרן אויס־

געלערנט אויף אויסוויינים פון מענטשן, וואָס זענען אַליין געווען אַנערקענטע פּאָעטן, איז נאָך קיין שורה זיינע אין ערגעץ נישט געווען געדרוקט. ער האָט פאַרמאָגט די אייגנעבוירענע באַשיידנקייט פון אַן עכטן קינסטלער און ער האָט זיך קיין מאָל נישט געיאָגט צו דערשיינען אין דער עפנטלעכקייט.

די רעדאַקציע פון „אַלע לידער", אַ זאַמלונג דערשינען אין קיעוו, אין 1923, ווייזט אָן, אַז זי האָט אין דער זאַמלונג צונויפגענומען אַלע פאַרבליבענע שווארצמאַנס מאַנוסקריפּטן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אויף שטיקלעך פּאַפּיר און אין בריוו צו פריינד. ער האָט זיך נישט געאיילט צו דרוקן און ער פלעגט שטענדיק זאָגן צו זיינע פריינד: „ס'איז נאָך רוי".

מאַכט זיך און מיר ווערן געוויער פון הערשעלען, אַז אין חודש־זשורנאַל „די יידישע וועלט", וואָס האָט אין זומער 1913 אָנגעהויבן צו דערשיינען אין ווילנע, איז פאַראַן אַ ליד פון אשרן. דאָס האָט אונדז אַלעמען איבערראַשט און, ווען מיר האָבן אים געפרעגט, צי דאָס איז אמת? האָט ער זיך פאַר אונדז ווי „פאַרענטפערט", אַז ער אַליין האָט דאָס ליד נישט אַריינגעגעבן, נאָר ס'איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אָן זיין וויסן דורך דוויד בערגעלסאָן און נחמן מייזיל, וועלכע האָבן דאָס ליד געהאַט ביי זיך און זענען געוואָרן רעדאַקטאָרן פונעם זשורנאַל. און אַ ביסל שעמעוודיק האָט ער צוגעגעבן, אַז דער נומער פון זשורנאַל געפינט זיך ביי אים אין קאַזאַרמע.

אין פאָלגנדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס האָט ער אונדז געבראַכט דעם נומער מיט זיין ערשטלינג, און באַלד האָבן מיר אים געהערט רעציטירן מיט זיין קרעפטיק־מוזיקאַלישער שטים:

און ס'וואָלט דעם סוד ביי נאַכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אין דער פרי געטרויעט דער וואַלד
און ס'וואָלט געדעדט שוין קינד און קייט:

זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

דער קוואַל וואָלט איינגערוימט דעם טייך,
וואָלט ער ביי טאָג אַנטקעגן זון,
אין ברייטן פעלד, פאַר ווייטן שליאַך
דערציילט דערפון:
זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

ווען מיר האָבן געהאַט אויסגעהערט דאָס ליד ביזן סוף, האָט אשר פאַר אונדז געמוזט רעציטירן נאָך אַ מאָל דאָס גאַנצע ליד, ביז עמעצער פון דער חברה האָט געהאַט אַן איינפאַל און האָט צוגעפּאַסט צו דעם אַ ניגון פון אַ העברעיִש שיר. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס ליד האָט ווייט איבערגעשטיגן די פּאָפּולערקייט פון העברעיִשן שיר, פון וועלכן מיר האָבן געהאַט איבערגענומען די מוזיק. מען האָט עס איצט אָפט געהערט זינגען אין די פאַבריקן ביי דער אַרבעט, אין שטאָט־פּאַרק און אויף דער פּראָסנע, ווען יונגוואַרג פלעגט זיך אַרויסלאָזן אויף שיפלעך אין די פאַרנאַכטן.

דאָס ליד איז געוואָרן ביי אונדז ווי אַ הימען. מיר האָבן עס געזונגען מיט פייערלעכקייט, כאָטש מיר האָבן זיך דערלויבט געוויסע פרייקייטן מיט טעקסט, כדי אים צוצופּאַסן צו דער מוזיק, וועלכע מיר האָבן געהאַט אַ פאַרטיקע. אַזוי זענען מיר, למשל, געווען געצווּנגען ביים זינגען אַדורכצולאָזן די פירטע שורה פון ערשטן קאַפּיטל, וואָס איז אויסגעקומען אַזוי:



אשר האָט אויף די ענדערונגען אין טעקסט נישט פּראָטעסטירט. ער האָט לייכט געשמייכלט און מיט אונדז מיטגעזונגען.

צוזאַמען מיט דעם ליד, וואָס מיר האָבן איצט באַטראַכט אַ ביסל ווי אונדזער אייגנס, האָבן מיר אויסגעלערנט ביי אים נאָך אַנדערע יידישע און אוקראַינישע לידער. ער האָט איבערגענומען פון אונדז די לידער, וואָס מיר האָבן געקענט, און אַזוי האָבן מיר פאַרמאָגט אַ רייכן רעפּערטואַר, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געלאָזט הערן אַלע מאָל, ווען מיר פלעגן זיך צונויפקומען.

*

שוואַרצמאַן האָט געהאַט אַ שווער דינען, ווייל אַחוץ דער ביקס, האָט ער נאָך געמוזט זאָרגן פאַר זיין פערד, וואָס דאָס אַליין האָט ביי אים צוגענומען אַ סך צייט און מי. אָבער ער ווערט ביםלעכווייז צוגעבונדן צו דעם פילבאַרן באַשעפעניש. ער דערמאָנט עס אָפט אין זיינע בריוו און נישט בלויז רעדט ער וועגן דעם מיט ליבשאַפט, נאָר אויך אין אַ טייל פון זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין קאַליש, באַזינגט ער עס, און ס׳באַקומען זיך אַזעלכע שורות:

פאַרראָסטעט ווערט
די שאַרפע שווערד
און פאַלט פון האַנט;
סע גייט דאָס פערד
דעם קאָפּ צו דר׳ערד
אין פרעמדן לאַנד.

אַ מאָטיוו, וואָס קלינגט טיילווייז ווי אַ וואַריאַנט פון די אויבנגעבראַכטע שורות, געפינען מיר אין פאָלגנדיקן ליד:

— שיין איז דיין געשטאַלט,
פיינער בחור־העלד,

— — — — — — — — —

וואָס־זשע פעלט דיר איצט,
וואָס דעם קאָפּ צו דר'ערד,
אַ פּאַרטרויערטער,
פירסט באַם צוים דעם פערד?

— יענע איז ניטאָ,
וואָס וואָלט ליבן זיך
אויף מיין שיין געשטאַלט,
ווי מיין פערד גייט גיך.

און אָט איז אַ בילדל פון „אָנהייב מאַי" אין שטאַל פון דער קאַזאַרמע:

— — — — — — — — —

דאַן עסט זיך ניט מיין קלוגן פערד...
...די אויגן דרעמלדיק פאַרמאַכט,
ער שפּיצט דאָס אויער אָן און הערט...

און פלוצעם באַ דער דיך
טוט לייכט אַ ציטער אים די פעל.
און איינגעדעקטער אין שינעל,
ליג איך און דרימל אויפן היי.

דער ווינט דורך שפּאַרעם קילט מיך לינד,
און דרעמלענדיק זיך טראַכט: ס'איז גוט,
וואָס כ'בין אַצינד ניט אויפן ווינט.

דאָס איז נישט סתם אַ פּאָרטרעט פון אַ פערד, וואָס דאָס אַליין וואָלט שוין געווען אַ זעלטנקייט אין דער יידישער פּאָעזיע, נאָר האָבן

מיר אפשר פאַר זיך אַ פאַראַנונג, אַ שטימונגס-בילד איבערגעלעבט פון פּאָעט אין איינעם מיט זיין גורל-חבר, מיט וועלכן ס'וועט אים, אַ פּאָר חדשים שפּעטער, אויסקומען אַדורכצוגיין די זעלביקע גע-פאַרן, ווי לעבן און טויט העננגען אויף אַ האָר (אין אַ בריוו פון פראָנט צו סאָניע ציאַנאָווסקע, אַ יאָר שפּעטער, — דאַטירט פון 1טן מאַי 1915 — שרייבט ער: „...אַ זייגער זעקס האָב איך מיין פערד אויס-געבאָדן, — אַ שייניקער פערד ביי מיר, נאָך פון קאַליש").

דערווייל געפינען זיי זיך נאָך אין שטאַל פון דער קאַזאַרמע. ס'איז אַ קילער פרילינג-טאָג ווי „די זון שיינט, נאָר וואַרעמט שוואַך"; דער ווינט יאָגט אָן אַ שטויב אין דרויסן, און „אַ גאַנצן טאָג ניט רוט זיך אָפּ די שטרוי פון דאַך". ס'איז אַן אומרויִקייט אין דער לופט, און עפּעס אַן אומהיימלעכקייט יאָגט זיך אום אין דרויסן צוזאַמען מיטן ווינט. אויף אַ קופּע היי ליגט ער און דרימלט, און זיין „קלוגער פערד" האַלט אויך „די אויגן דרעמלענדיק פאַרמאַכט". און ביידן איז גוט וואָס זיי זענען „אַצינד ניט אויפן ווינט".

*

ביי די סאָלדאַטן איז ער געווען שטאַרק באַליבט. שוואַרצמאַן — האָבן זיי געפלעגט זאָגן — קען אַלץ און פאַרשטייט אַלצדינג. זיי פאַרטרויען אים זייערע אינטימע ענינים, האַלטן זיך מיט אים אַן עצה און רעכענען זיך מיט זיינס אַ וואָרט. ער שרייבט זיי בריוו אַהיים און ער לייענט זיי זייערע לידער איבערגעזעצט אין רוסיש.

אין זיינע סאָלדאַטישע פונקציעס איז אויך אַריינגעגאַנגען דאָס שטיין אויף דער וואַך פאַר די רעגירונגס-געביידעס. ס'איז געווען איינגעפירט איין שעה צו היטן און צוויי שעה צו רוען. אַזוי אָבער ווי ער האָט געוואָלט האָבן זיין פרייע צייט מיט אַ מאָל, כדי צו קענען פאַרברענגען מיט זיינע נייע פריינד, האָט ער אויסגעפועלט ביי די חברים-סאָלדאַטן, אַז מען זאָל צוויי שעה היטן און דערנאָך רוען פיר שעה נאָכאַנאַנד.

נאָך אַ מיטל האָט ער באַנוצט אויף צו קענען פאַרברענגען מיט זיינע פריינד אומגעשטערט: ער האָט האָט זיך געפלעגט איבערטאָן אין ציווילער קליידונג און אַזויערנאָך האָבן די מעגלעכקייט מיט זיי פריי זיך צו טרעפן און אַרומשפּאַצירן אין די אָוונטן מיט זיי צוזאַמען.

אין אַזאַ אָוונט האָט מען זיך געווינטלעך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט־פּאַרק, וועלכער האָט אַחוץ זיין רחבותדיקער שיינקייט, געהאַט אויך די גרויסע מעלה, וואָס מען האָט אים קיין מאָל נישט פאַרמאַכט און ער איז געבליבן אָפן אַ גאַנצע נאַכט. טומלענדיק איז מען זיך קודם־כל אַדורכגעלאָפן איבערן „וואַל", וועלכער האָט אַרומגענומען דעם פּאַרק ווי אַ גאַרטל.

דער פּאַרק גופא האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער נידער. אָבער דער וואַל, וואָס איז אַליין געווען געדיכט באַביימערט פון ביידע זייטן, איז לכתחילה געוואָרן אויפגעשטעלט, כדי צו באַשירעמען דעם פּאַרק פון אַ פאַרפלייצונג, מחמת די פּראָסטע האָט געשטראָמט האַרט פאַרביי אים.

קעגנאיבער דעם שטענדיק־ברויזנדיקן וואַסערפאַל איז אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון וואַל געלעגן די שטיל־שווייגנדיקע „רוינע", אַן איבערבלייב פון אַ מיטלאַלטערלעכן שלאָס. די אַלטע טאָפּאָליעס, וואָס בייטאָג האָבן זיי זיך געמיניעט מיט אַלע ניואַנסן פון גרין, בשעת זייערע שפּיצן האָבן זיך געבלויט אַקעגן הימל, האָבן איצט מיט זייער בלעטערדיקער געדיכטקייט אַלץ אַרום פאַרשטעלט און פאַרהוילן. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך אַ פאַרבלאַסטע שיין אַדורכבאַקומען ביז צו אונדזער זאַמל־פּלאַץ.

אשרן האָט קיין מאָל נישט אויסגעפעלט קיין מעשיות צו דערציילן. זיין שטיפעריש נאַטור האָט זיך געקוויקט מיט די שפּיצלעך, וואָס די סאָלדאַטן פלעגן אָפּטאָן איינער דעם צווייטן. ס'איז געווען אַ שלל מיט גראָטעסק און משונהדיק קרומע סיטואַציעס. נישט ווייניקער פריילעך איז געווען, ווען ער פלעגט דערציילן וועגן די טע־

אַרעטישע לעקציעס, וואָס מען גיט זיי אין דער קאַזאַרמע, און ווי־אַזוי, אַ שטייגער, דער אָפיציר לערנט זיי אָפּגעבן אַ זאַלוטע צו אַ באַ־ריכט פון אַ „ראַזוויעדקע״ (שוואַרצמאַן האָט געדינט אין אויסשפּיר־אָפּטייל פון קאַלישער גאַרניזאָן). ער האָט קונציק נאָכגעמאַכט ווי דער אָפיציר פאַרקרימט זיך, ווען ער הערט די אומגעלומפּערטע ראַפּאָרטן פון זיינע האַמעטנע תלמידים. מער פון אַלץ האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים, דעם אָפיציר, ווען אַ „ראַזוויעדטשיק״ האָט אָנגעהויבן זיין באַריכט מיט די ווערטער „איך האָב געזען״.

— איך האָב געזען, איך האָב געזען, איך האָב מיך ב... האָט ער דעם צעחושט-געוואָרענעם תלמיד באַשיט מיט זידלערייען, וואָס טויג מיר דאָס צו וויסן? דו זאָג מיר בעסער, ברודערקע, וואָס דו האָסט געזען!!!

אַשר האָט דאָס אַלץ איבערגעגעבן מיט די געהעריקע תנועות און אינטאָנאַציעס אין קול, און ס׳איז געווען פון וואָס צו לאַכן.

אָבער ס׳ווערט שטיל. עמעץ הייבט אָן צו זינגען „די נאַכט איז שטיל...״ אָדער „ס׳דרימלט דאָס שטעטל, די לאָדנס פאַרמאַכט״. אַ מיידל מיט אַ דין-גלעקלדיקער שטים נעמט זיך זינגען פּרצס באַ־לאַדע: „אַ מאָל איז געווען אַ מיידל האָט זי אַ יינגל געליבט״ און, ווען זי ענדיקט „דער טויטער עפּנט אויף די אויגן...״, קען זיך איינעם דאַכטן, אַז אויך די בלעטער פון די שפּיצןביימער האַלטן איין זייער גערויש.

ס׳טרעפט, אַז אַשר דערציילט פון קיעוו. זיינע פריינד. די וועל־דער, וואָס וויפל מען זאָל זיי נישט אויסהאַקן, ווערן זיי נישט שיטע־רער... די סעדער. די אוקראַיִנישע פּויערן מיט זייערע טענץ, חתונות, קאַמפן און מינהגים. און, ווי מיד פון אַזוי פיל דערציילן, בלייבט ער מיט אַ מאָל שטיל... ווידער נעמט עמעצער עפּעס זינגען, ווידער ווערט שטיל. מיר קוקן אויף אים און שווייגן. מיר וואַרטן אויף עפּעס... און אַשר הייבט טאַקע באַלד אָן כמעט זינגעוודיק:

שיקט דער ים אַ וואָלקן-גרוס צום מידבר —
נעמען בערג אויפן וועג אים איבער;
לעכצן אין דעם מידבר זאַמדן:
וואַ — אַ — סע — ער! וואַסער!

אין יום-טובים, ווען די יידישע סאָלדאַטן זענען געווען פריי פון דינסט, האָט ער, אַ שפּראָדלדיקער מיט פרייד, פאַרבראַכט מיט אונדז אויף „קאַרטשאַק". דאָס איז געווען אַ מאָלערישע געגנט הינטער דער שטאָט, צו וועלכער ס'האָט געפירט אַ האַלב-פאַר־וואַקסענע סטעזשקע פון דוברזשעצער פאַרשטאָט. צווישן צעבליטע פעלדער האָט דאָרט אין אַ טאָלעכל זיך געשלענגלט אַ שמאָל, שטיל וואַסערל, וואָס איז געלאָפן באַרג-אַראָפּ צו אַ ראָמאַנטישער הייל, וווּ ס'איז געשטאַנען דערנעבן אַן אויסגעקרומטע „קאַפּליצע" מיט אַ האַלב-צעקרישלטן צלם אויפן שפּיץ.

די פויערן האָבן זיך אָנדערציילט פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן שלאַכטן, וואָס זאָלן דאָרט זיין פאָרגעקומען מיט לאַנגע יאָרן צוריק.

דאָס זענען געווען לעגענדעס עפּעס פון גאָר אַן אַנדערער וועלט. זאַכן, וואָס האָבן צו אונדז קיין שייכות נישט געהאַט. די דאָזיקע מעשהלעך פון אַמאָל האָבן מיר גיכער אויפגענומען ווי אַ דעקאָ־ראַציע צום אַלגעמיינעם בילד. אין אונדז זענען זיי נישט אַריינגע־דרונגען, ווייל מיר זענען געווען איבערפולט מיט יובל, מיט פרייד און פריינדשאַפט, מיט צוטרוי צום מענטש און מיטן יום-טוב אין דער נאַטור.

ווער האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן רציחות און בלוט-פאַרגי־סונגען? אין סאַמע יאָר פון מילחמה-אויסברוך זענען מיר נאָך געווען ווייט פון געדאַנק, אַז אַ פּאָר וואָכן שפּעטער וועט קאַליש ליגן אין חורבות, און מיר אַלע וועלן זיין פּליטים, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

מען איז געווען יונג, זאָרגלאָז, האָפערדיק און זיך געפילט זיכער און געשיצט פאַר אַלע אומגליקן. מיר האָבן זיך, גליקלעכע, אויסגע־

זעצט אויפֿן גראַזיקן שיפּוע פֿונעם ברעג וואַסערל, און אַזוי, אין לעבהאַפּטיקע שמועסן, לעקטורן, שטיפֿערייען און געזאַנג פֿאַר־בראַכט דעם גאַנצן טאָג.

✶

שוואַרצמאַן האָט זיך אויך געפּלעגט איבערטאָן אין ציווילער קליידונג, ווען ער האָט געוואָלט באַזוכן דעם טורן־פֿאַראיין, וועלכער איז געווען דאָס איינציקע קולטור־הויז אין קאַליש, ווו ס׳האָבן זיך דעמאָלט גרופּירט אַלע ריכטונגען פֿון דער יידישער יוגנט.

פֿאַר אַ רוסישן סאָלדאַט איז אַזאַ זאַך געווען פֿאַרווערט אויפֿן שטרענגסטן אופֿן, אָבער אשר האָט נישט געקענט ביי זיך פּועלן, צו זיין אין דער שטאָט און נישט זען דאָס דאָזיקע הויז מיט זיין ביבליאָטעק און לייען־זאַל, אַז ער זאָל נישט אַ מאָל ביייווינען אַ רעפּעטיציע פֿון כאָר, אַ טורן־לעקציע אדג״ל.

איין מאָל האָט ער דורך דער איבערוועקסלונג פֿון זיינע מל־בושים זיך געשטעלט אין אַן ערנסטער געפֿאַר.

ס׳איז געווען פּורים. מיר זענען, אַלע צוזאַמען, געווען ביי אַ חבר אין שטוב און זיך פֿריילעך געמאַכט. מען איז געווען שטאַרק אויפֿ־געלייגט און ס׳איז אונדז איינגעפֿאַלן זיך צו פֿאַרשטעלן, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַזאַ יום־טוב, און צוגיין צו אַ באַקאַנטער משפּחה דאָרט צו פֿאַרענדיקן דעם אָוונט.

אשר כאַפּט אַראָפּ פֿון זיך זיינע זעלנערישע בגדי־מלכות, ווי ער פֿלעגט דאָס אָנרופֿן, און גיט זיי אָוועק דעם הויכן טוביה גרינ־בלאַט, וועלכער איז געווען דער איינציקער צווישן אונדז, וואָס האָט זיך געקענט אויסגלייכן מיט אים אין געוויקסיקייט, ער טוט אים אָן זיין מונדיר און הענגט אים אויך אָן די שווערד ביי דער זייט און אַליין וואַרפֿט ער אַרויף אויף זיך טוביהס מלבושים. מיר האָבן אויך געזען נישט קיין סך אָפּצושטיין פֿון די צוויי „וועדעטן״, און מיט גרויס געפֿילדער לאָזן מיר זיך אַרויס אין גאַס.

ביים סוף פון דער עקספּעדיציע איז אויסגעקומען אַדורכצוגיין אַ שמאָל פאַרבלאָטיקט געסל (דאַכט זיך די פּיאַסקאָווע) און דאָ, מעשה שטן, טראָגט דער טייוול אָן אַן אָפיציר, וואָס קומט אונדז גלייך אַנטקעגן, קוקט אָן דעם איבערגעטוענעם „סאָלדאַט" אין פּנים און נעמט נישט אַראָפּ פון אים קיין אויג... אשר סאַלוטירט נישט, נאָר דער סאָלדאַט־טוביה, גיט אָפּ „טשעסט" ווי אין אַן אמתדיקער ווינער אַפּערעטע...

ווען מען האָט געקענט איינפאַלן, אַז מיר וועלן זיך אַזוי געפּערלעך אַ שפּיל־טאָן? מיר זענען געווען ווייט צו טראַכטן אַ שעה פריער, אַז מיר וועלן זיך דעם הײַנטיקן פּורים אַזוי „גרינטלעך" פאַרשטעלן! אָבער ס'איז אונדז בײַגעשטאַנען עפּעס אַ גרויסער זכות און מיר זענען בשלום אַרויס פון דער אַוואַנטורע, נאָך וועלכער מיר וואָלטן געדאַרפט גומל בענטשן, ווייל, ווי אשר האָט אונדז שפּעטער איבערגעגעבן, איז דאָס גראָד געווען אַן אָפיציר פון זיין עסקאַדראָן, וועלכער האָט אים פּערזענלעך גוט געקענט...

*

שוואַרצמאַן איז געווען אַ געוואַלטיקער שטיפער. די מינדסטע זאַך האָט אים געקענט געבן אַ געלעגנהייט צו לאַכן. ער פלעגט פּשוט אָנשטעקן די אַרומיקע מיט זיין אימפּולסיווער לעבנס־פרייד.

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ זומער־אָוונט אין 1913. מיר זענען ביידע געווען פאַרבעטן צו קומען פייערן דעם 19טן געבוירן־טאָג פון אונדזער פריינדין ה. ז. מיר האָבן זיך דעמאָלט אָוועקגעלאָזט אין גאַס, צו קויפן עפּעס אַ מתנה פאַר דער יובילאַרין. האָבן מיר זיך אַזוי געשלעפּט איבער דער ברעסלער גאַס, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ בוכהאַנדלונג ווו ס'איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אין פענצטער אַן איינגערעמט בילדל, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין גאַנץ לייטיש.

פאַרן אַריינגיין אין געוועלבל האָט ער מיט מיר אויסגערעדט, אַז „דברן", זאָל איך, ווייל „ס'איז דאָך עפּעס פּויליש".

שוואַרצמאַן, מוז איך דאָ באַמערקן, האָט נישט ליב געהאַט, אין וואָס ס׳זאָל נישט זיין, אָפּצושטיין פון אַן אַנדערן. דערפאַר האָט ער אין קאַליש זיך גענומען גאַנץ געשמאַק לערנען פויליש, טאַקע ביי דער שיינער יובילאַרין. זייער אָפט האָט מען אים געהערט זינגען קאָנאָפּניצקעס לידער, וועלכע האָבן ביי אים שטאַרק אויסגענומען. (זיינס אַן אַכט־שורהדיקע איבערדיכטונג פון פוילישן פּאָעט לעאָפּאָלד סטאַף, וואָס שטאַמט פון יענער צייט, וועט שפּעטער דערשיינען אין דער אויסגאַבע „אַלע לידער״).

דעריבער איז מיר געווען אַ חידוש, וואָס ער האָט זיך אויסגערעדט מיט מיר, אַז דווקא איך זאָל זיין דער רעדער. אָבער איך האָב מיר אויסגעטייטשט, אַז מסתמא איז ער זשענירט צוליב זיין אַקצענט.

אַריינקומענדיק אין געשעפט מאַכט ער צו מיר: אַנו, אַרויס מיטן לשון! נאָר נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, האָט ער שוין אַלץ געהאַט אָפּגעזאָגט, וואָס מען האָט באַדאַרפט.

איך בין גראָד נישט געווען שטאַרק אַנטציקט פון דאָזיקן שפּיצל און אַרויסגייענדיק האָב איך צו אים אַ טענה:

— נאָך וואָס — זאָג איך — האָט דיר געטויגט דער גאַנצער אָנשטעל, אַז דו רעדסט פויליש בעסער פון מיר?

אָבער אַנשטאָט מיר צו ענטפערן, האָט ער אַרויסגעשאָסן מיט אַזאַ געלעכטער, אַז מענטשן אין גאַס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אים האָט אָבער גאָרנישט געאַרט. ער האָט זיך ממש געשטיקט פון געלעכטער און נאָר קוים געקענט אַרויסשרייען:

— איי, איי, מ׳קען שטאַרבן!

ווען ער האָט זיך געהאַט באַרואיקט, זאָג איך צו אים אַ ביסל פאַרזאָרגט:

— איך ווייס אייגנטלעך נישט ווי מען קומט דאָרט אַהין,

ביידע, מיט איין מתנה? און נאָך דערצו מיט עפּעס אַ בילדל, וואָס מיר האָבן באַצאָלט סך־הכל צוואַנציק קאָפּיקעס?

— נו, וואָס איז דען? — האָט ער אויפהייבנדיק דעם קאָפּ אַ זאָג געטאָן — מיר זענען דאָך אָרעמע יינגלעך, זענען מיר!

דאָס איז געווען געזאָגט מיט אַזאַ אויסדרוק און מיט אַזאַ ווירדיקייט אין קול, ווי אַ שטייגער, ער זאָל געווען זאָגן: „מיר זענען דאָך עפּעס, פאַרגעס נישט, פון דעם גאָר הויכן, עכטן יחוס!"

— נו, גוט — האָב איך צוגעשטימט — ווערסטו דאָס איבער־געבן, ווייל ה... איז דאָך נישט פאַר מיר דאָס, וואָס זי איז פאַר דיר.

— ניין! — צעלאַכט ער זיך פון דאָס ניי, מיר שטופּנדיק אין דער האַנט אַריין דאָס בילדל, וואָס האָט זיך נאָך קוים געהאַלטן אין דער ראַם — דו ווערסט עס איבערגעבן און דו ווערסט זאָגן אַזוי:

— געקומען אויף אייער שימחה מיט אַ מתנה! איי־איי־איי־איי! מ'קען דאָך שטאַ־אַ־אַרבן!

ווען מיר האָבן אָנגעקלונגען אין דער טיר, האָט זיך דאָס בילדל מיט אַ מאָל געפונען ביי אים אין דער האַנט. און ווען די יובילאַרין האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט ער אַראָפּנעמענדיק דאָס זעל־נערישע היטל, זיך לייכט פאַרבויגן. און ווי דורך עפּעס אַ וווּנדער, האָט די מתנה אין זיין האַנט באַקומען אַ חשיבות, וואָס זי האָט פריער נישט געהאַט. איך האָב געקוקט אויף די צעגלאַנצטע אויגן פון דעם יינגל און איך האָב באַנומען, אַז ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס קענען באַלעבן קליין־ווערטיקע זאַכן און מאַכן פון זיי אַ יש.

*

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ זומער־נאַכט אין קאַליש. אין מיין קליין צימערל אויף דער דוברזשעצער פאָרשטאָט האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף אַ לייכט קלאַפּן אין טיר. אויף מיין: „ווער איז?" קומט

אַן ענטפער: „ס'איז איך, אשר". ס'לויפט מיר דורך אַ געדאַנק: „ווער ווייסט וואָס ס'האָט געטראָפן?" אָבער באַלד באַרויִקט ער מיך, אַז ס'איז אַלץ ביים גלייכן. „ביים גלייכן" האָט ביי אים געקענט הייסן, אַז ס'איז אים אין דער קאַזאַרמע געוואָרן שטאַרק אומעטיק. נו, האָט ער זיך קונציק פון דאָרט אַרויסגעכאַפּט, געקראָכן איבערן פּלויט און זיך דערשלאָגן צו דער שטוב ווו ס'וווינט אַ חבר.

דאָס אַלץ, כדי צו קענען זיצן אַ שעה-צוויי אויפן ראַנד פון בעט, שמועסן סתם אַזוי און ברומען אין-דער-שטיל: „קרא-איי טי מאָי! ראַדימי־אי קראי! היי, טי באַר דרעמוטשי... וואָלטשי האַלאָס וו פּאָליע... היי, היי, קרא־איי טי מאָי!...

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

✶

אשר שוואַרצמאַן איז געווען אַפּשטאַמיק עכט אין זיין אוקראַיִניש-דאָרפישן אָפּפילן די איבערלעבונגען, וועלכע זענען אים אין אַזאַ גרויסער שפע געווען באַשערט אַדורכצומאַכן אין משך פון זיין קורצן פאַרבלייב צווישן אונדז.

אָבער ער איז גלייכצייטיק געווען וואָרצלדיק פאַרוועבט אין אַלץ, וואָס איז געווען יידיש לעבן, און ער האָט אויסגעזונגען זיין ליד אין יידיש-נאַציאָנאַלע טענער, זייענדיק אַזויערנאָך אמתדיק אוניווערסאַל.

אין די פריע יוגנט-יאָרן האָט ער אָנגעהויבן זיין דיכטערישע קאַריערע און באַלד איז ער פון אונדז געוואָרן אַוועקגעריסן. אַלץ איז ביי אים געווען יונג, און איבער זיינע שאַפונגען הויכט די פרישקייט פון פריע מאָרגן-שעהן, וואָס זאָגן אָן דעם גרויסן טאָג, וואָס דאַרף נאָך ערשט אָנקומען...

ער איז אַדורכגעגאַנגען צווישן אונדז ווי אַ דערשיינונג, וואָס באַווייזט זיך קוים און פאַרשווינדט. און באַוויזן האָט ער זיך מיט

דער שלאַנקער קראַפט פון זיין גלייך-געוויקסיקייט, טאַקע ווי אַ בוים פון די נאָווינקער וועלדער, צווישן וועלכע ער האָט פאַרבראַכט די ערשטע יאָרן פון זיין קינדהייט. אַ געזונט-געבויטער, מיט זיין טונקל-ענערגישן פנים און שוואַרצע, לייכט-געקרייזלטע האָר, איז געווען טשיקאַווע צו זען ווי זיינע אויגן פינקלען מיט אַזוי פיל שטיפערישער, יינגלערישער שקאָצישקייט. שפּראָדלענדיק מיט אַ חריפותדיקער קלוגשאַפט, איז געווען וווּנדערלעך צו זען ווי ער פלעגט קענען זיך אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן געשפּרעך מיט אַ פּראָסט פּשוטן עמך-מענטש, פירן מיט אים ברייטע שמועסן און אויסהערן מיט אינטע-רעס זיינע מאָנאָלאָגן.

אַזוי האָט יעדער פּשוטער מענטש געפונען אין אים דעם פריינד, פאַר וועמען מען קען זיך פריי אַראָפּרעדן פון האַרץ. זיין נאָענטע צוגעבונדנקייט צום פאָלקס-מענטש איז נישט געקומען פון קיין טעאָריעס, נאָר פון דירעקטן קוואַל, ווייל ער איז אַליין געווען דורכויס „פאָלק".

✶

אין קרייז האָט מען געוווּסט, אַז אשר קען נישט ליידן, ווען עמעצער שרייבט איבער אַ ליד. לידער, האָט ער געהאַלטן, דאַרף מען אויסלערנען אויף אויסווייניק. ער אַליין האָט זיך שטאַרק געהאַלטן ביים דאָזיקן כלל, און אַלע לידער, וואָס ער פלעגט רעציטירן, אָדער זינגען, דער עיקר אייגענע, האָט ער געדענקט פון אויסווייניק.

ס'פלעגט טרעפן, אַז ער האָט עפּעס אַ פערז פון אַ פרעמד ליד נישט געדענקט. פלעגט ער זיך דעמאָלט גאַנץ פיין אַן עצה געבן און זינגען אויף זיין אייגענעם נוסח. אַן אוקראַיִניש פאָלקס-ליד, וואָס ער פלעגט זייער אָפט זינגען, איז מיר געבליבן בזיכרון ביז היינט. הערנדיק אים, האָב איך שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס זינגט ער אויס עפּעס גאָר, גאָר אייגנס. ביז היינט האָב איך דאָס דאָזיקע ליד פון קיין אַנדערן נישט געהערט, און איך פרעג מיך יעדעס מאָל,

ווען דאָס ליד קומט אויף אין מיר, וויפל ס'איז אין דעם פאַראַן אוּ־קראַיִניש פאָלקס־ליד און וויפל זיין אייגנס. אין יידיש וואָלט זיך דאָס ליד אָנגעהויבן אַזוי:

„זאָג וואָס ביסטו, פויערל,
אין מיטן וועג געבליבן שטיין?
צי האָסטו אויפן וועג פאַרבלאָנדזשעט,
צי די אָקסן ווילן נישט גיין?"

✶

אויגוסט 1914. ס'ברעכט אוים די ערשטע וועלט־מלחמה. מיט אַ שווער הארץ געזעגנט זיך שוואַרצמאַן מיט זיינע קאַלישער פריינד, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין געהאַט ברידערלעך איינגע־לעבט. אים פייניקן געדאַנקען, אויף וועלכע ער האָט זיך ביז אַהער נישט געריכט. ער פרעגט זיך, צי ער וועט טאַקע קענען אַדור־שטעכן אַ מענטש מיט זיין פיקע, צי הרגענען עמעצן מיט זיין שווערד...

די לעצטע טעג פאַרברענגט ער מיט גרייטן זיך אין וועג. ער קאָוועט דאָס פערד, גיט צו פאַרריכטן די שטיוול, שאַרפט די שווערד און קויפט איין די נייטיקסטע זאַכן. ערב תשעה באָב ה' תרע"ד, טרעפן זיך נאָך מיט אים עטלעכע פון אונדז פאַרן טויער פון דער קאַזאַרמע און דריקן אים אַ לעצט מאָל די האַנט. מיטן לעצטן עסקאַדראָן פון קאַלישער פאָלק פאַרלאָזט אשר די שטאָט.

אַ טאָג שפּעטער פאַרנעמען דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען קאַליש אָן אַ שלאַכט. ס'איז באַקאַנט ווי אַזוי זיי האָבן די שטאָט טעראָריזירט און די הויפּט־גאַסן אָוועקגעלאָזט מיטן רויך. די באַ־פעלקערונג צעלויפט זיך טיפער אין לאַנד אַריין. אַ קליינע גרופּע פון אונדזער קרייז האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון וואַרשע. אַרום סוכות־צייט דערשלעפּן זיי זיך קיין וואַרשע. איינער

פאקסימילע פון אשר שווארצמאן



געשריבן אויף אַ פּאָסטקאַרטל פאַר אברהם אַראָנאָוויטש (אין גרופּן־בילד רעכטס)
אין טאָג פון זיין פאַרלאָזן קאַליש, דעם דריטן אויגוסט 1914

פון זיי — יצחק קלעטשעווסקי — אַרומבלאָנקענדיק זיך אין די גאַסן, טרעפט אָן אויף אַ יידישן סאָלדאַט פון קאַלישער פּאָלק, וואָס דערקענט אים. ער גיט אים איבער, אַז אשר געפינט זיך איצט אין ליאַכאָוו, צוואַנציק קילאָמעטער פון וואַרשע, און אַז צו מאָרגנס רייטן זיי אַרויס אויפן פראָנט. קלעטשעווסקי פאָרט מיט אים מיט קיין ליאַכאָוו. אויפן וועג דערציילט אים דער זעלנער, אַז זיי זענען זיבן יידן אין ווזוואָד, אַז אשר גיט זיי צו מוט און אַליין איז ער שטענדיק מונטער. אַ דאַנק אים פעלט זיי נישט קיין עסן, ווייל אין די דערפער, אין וועלכע ס׳קומט זיי אויס צו רוען, זינגט אשר פאַר די פויערן פוילישע לידער, און זיי ברענגען שפּעטער ברויט, פּוטער, פלייש אדג״ל.

אויף צו מאָרגנס, זיבן אַ זייגער אין דער פרי, איז אשר אין גרויס איילעניש, געקומען צו אים אין דער אַכסניה. ער האָט אים איבערגעגעבן, אַז דער פּולקאָווניק האָט אים געגעבן צען מינוט צייט זיך מיט אים צו טרעפן; אַז זיי שטייען שוין גרייט זיך אַוועקצולאָזן אויפן פראָנט, און אַז נאָך היינט, זעקס אָוונט, וועלן זיי זיין אין וואַרשע אויף דער פּראַגער פאָרשטאָט, ווו זיי קענען זיך ווידער אויפזוכן.

זיי טרעפן זיך דאָרט, ווי אָפּגערעדט, און קלעטשעווסקי פירט אים צו דער אַכסניה, ווו ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אַנדערע פּליטים פון זייער קרייז.

דעם גאַנצן אָוונט פאַרברענגען זיי צוזאַמען. אשר הייסט זיי, למען השם, זיך אַוועקלאָזן קיין קיעוו צו זיינע עלטערן, צו וועמען ער גיט זיי מיט אַ בריוו. ער גייט נישט פריער אַוועק, ביז זיי זאָגן אים נישט צו אויסצופאָלגן זיין עצה.

אין איילעניש דערציילט ער זיי, וואָס עס טוט זיך איצט אָפּ אין די יידישע שטעטלעך אויף דער פּראָווינץ. ער איז כסדר אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. אין אַן אויסשפּיר־אָפּטייל, באַווייזט ער זיך דאָ און דאָרט און ער זעט צו די רציחות איבער יידן און אונטער

זיין צאַרישן מונדיר ווערט ער דערדריקט אין זיין אָנמעכטיקייט צו קומען צו הילף זיינע גערודפטע ברידער.

און גליקלעך איז ער, ווען ס׳גיט זיך אים אַ מאָל איין עפּעס צו טאָן. אַזוי האָט ער, זייענדיק אין אַ שטעטל, זיך דערוווּסט, אַז קאָזאַקן קלייבן זיך אַוועקצורויבן דאָס געבעקס ביי אַ יידישן בעקער, ערב שבת. איז ער אַריין פריער און פאַרכאַפּט אַלע חלות און ברייט־לעך „פאַר זיין גרופּע וועגן". ערשט ווען די קאָזאַקן זענען אַוועק, האָט ער אַלץ צוריקגעגעבן דעם מבולבלן בעקער, וועלכער האָט ערשט דעמאָלט זיך דערוווּסט, אַז דער דראַגונער איז אַ „יידיש קינד"...

און ווידער האָבן קאַלישער פריינד אים אַרויסבאַגלייט פון דער שטאָט. אָבער דאָס מאָל זענען דאָס געווען בלויז עטלעכע, געציילטע, וועלכע האָבן נאָך שפּעטער געהאַט די זכיה זיך מיט אים צו טרעפן אין דער סביבה פון זיינע עלטערן, משפחה און פריינד. ווייל פאָלגנדיק זיין עצה, זענען זיי אין אַ שטיקל צייט אַרום אָנגעקומען בשלום קיין קיעוו, ווו זיי זענען געוואָרן אויפגענומען מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט.

אשר האָט אין זיינע בריוו פון פראָנט קיין מאָל נישט פאַר־פעלט צו רעדן וועגן זיינע קאַלישער און כסדר דערמאָנט, אַז מען זאָל זיי נישט לאָזן פילן די היימלאָזיקייט. ער שרייבט זיך מיט זיי אַדורך, און אין אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון איינעם פון זיי (אַראָ־נאָוויטש), שרייבט ער צווישן אַנדערן:

„אויף דער פּאָזיציע האָט מען מיר איבערגעגעבן דיינס אַ בריוו. ס׳האָט גראָד געגאָסן אַ שטאַרקער רעגן. איך בין אַרונטערגעקראָכן אונטער דעם פערד און האָב געלייענט מיט אַזאַ אינטערעס, אַז ווען עמעצער זאָל געווען זאָגן: נאַ דיר אַ שטיקל ברויט! וואָלט איך אפשר אַרויסגעשטעלט די האַנט הינטן־אַרום, נישט אָפּרייסנדיק זיך פון לייענען".

✶

אין דער מלחמה צייכנט ער זיך אויס מיט זיין אומדערשראָקנ־קייט. ווערט באַלוינט מיט צוויי געאָרגי־קרייצן און דערדינט זיך צום ראַנג פון אונטעראָפיציר.

צוזאַמען מיט קליינע גרופּעס אויסשפּירערס, געפינט ער זיך לאַנגע חדשים צווישן די רוסיש־דייטשע ליניעס. די געפאַר איז אַ שטענדיק לויערנדיקע. זיין גורל איז פעסט געבונדן מיטן גורל פון זיינע חברים־סאָלדאַטן. מיט זיי צוזאַמען וועט ער לעבן און אָן זיי וועט ער פאַרלוירן גיין. די לופט איז פול מיט רציחה. ער זעט ווי זיין גרופּע הרגעט אַוועק אַ הייפל פון זיבן עסטרייכישע געפאַנגענע בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט די „העזה" זיך אָפּצושיסן, בשעת מען האָט זיי נאָכגעיאָגט...

פאַר און נאָך די שלאַכטן רייט ער אָפט מאָל אַרויס איינער אַליין צווישן די ליניעס. ס'איז די עלנטקייט פון אור־מענטש, וועלכער איז אין גאַנצן אָנגעוויזן אויף זיך אַליין.

ס'קומט אויפן געדאַנק דאָס דאָרף כאַלאָים־גאַראָדאָק, וואָס די משפּחה שוואַרצמאַן האָט זיך דאָרט אַריבערגעקליבן נאָכן פּאָגראָם אין קיעוו, אין יאָר 1905. ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז אויך דאָרט גרייט זיך אַ פּאָגראָם, האָט זיך אויפן אָרט אָרגאַ־ניזירט אַ זעלבסטשוץ, אין וועלכער דער זעכצן־יעריקער אשר האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. באַוואָפנט מיט אַ רעוואָלווער, פלעגט ער אַרויסרייטן אויפן שאָסיי אויסצושפּירן וואָס ס'קומט דאָרט פאָר.

איז זיין גורלדיקער וועג אין לעבן שוין דעמאָלט געווען אָנגעצייכנט? רייט ער דאָך איצט, צען יאָר שפּעטער, אַ באַוואָפנטער אויף זיין פערד, איינער אַליין אין דער נאַכט, אויסצושפּירן די געגנט צווישן די פּאָזיציעס.

זייענדיק איינגעטונקט אין געפאַרן, וואָס לויערן אויף אים פון אַלע זייטן, שעפּט ער ביי זיך אַליין עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע

רויִקייט, אַ געליטערטע זיכערקייט אין זיך. ער שרייבט דעמאָלט זיינע מלחמה-מאָטיוון, וועלכע זענען אַ נייקייט אין דער יידישער פּאָעזיע:

ווי ס׳ברומען פון ווינטן אויף פעלדער פאַרשנייטע,
ווי ס׳וועלפישע היילן אין וועלדער פאַרוויטע, —
פאַרגייט אומבאַהאָלפן דער קלאָג פון מיין פּיין.

אַזוי ווי אַ וואָרצל אין ערד אַ פאַרפרירטער —
אַזוי אין דעם קאַלטן און שטאָל-שטייפן לעבן
דאָס האַרץ אַ פאַרעלנטס שרומפּט ווייטיקדיק איין.

איין אָרעמע פרייד איז אין האַרצן געבליבן:
די פרייד פון אַ בלינדן, וואָס טאַפּט מיטן שטעקן
און טרעפט אָן די סטעזשקע, אויף וועלכער ער גייט.

אַ פראָסטיקע נאַכט, אַ פאַרלאָזענער שייער;
איך זיץ, ווי אַ הונט נעבן האַר, ביי מיין פייער,
און באַלד וועט אַ קעסעלע טיי ווערן גרייט.

פינצטער... פינצטער... דער, וואָס האָט שטענדיק געזוכט אַרום זיך ליכט און העלע פאַרבן, פרייעלעכקייט און פריינדלעכע בליקן, ווערט איצט איבערגעפלייצט פון דער אומהיימלעכסטער פינצטער-ניש. דאָס פיינפילנדיקע אויער, וואָס האָט פאַרנומען דעם ווייכסטן פליעסק פון אַ שטיל-פליסנדיק קוועלעכל, הערט איצט אַרום זיך בלויז געוואַלט-גערוישן, וועלכע שלאָגן זיך אָפּ מיט זייער ברוטאַלער רויקייט אין דער אויפנעמערישקייט פון זיין קינסטלערישן עמפינדן:

אין פינצטערער נאַכט, ווען איך זע זיך אַליין נישט,
איך ווער נאָר אַ טונקלער צעפלאָסענער פלעק,
מיר הערט זיך דאָס רוישן פון כוואַליעס פון ווייטע,
וואָס טראָגט זיך צום ברעג.

אין בייזן געווימל פון שטורמישע כוואַליעס
דאָס ברומען פון שלאַכטפעלד זיך הערט,
דאָרט טראָגן אַרום זיך צעווילדעטע רייטער
אויף שוואַרצע טיטאַנישע פערד.

זיי יאָגן זיך, טראָגן זיך ריי קעגן רייע
און שלאָגן זיך אָן אין דער מיט.
און ווער ס'האָט דעם וואָפן אין לויף ניט געצילעט,
פאַר דעם איז שוין איצטער צו שפעט.

און אין מיטן די רציחות און רויע גוואַלדטאַטן לעבן ווייטער ביי אים די בענקשאַפטן, די לידער און די עטישע קראַפט, וואָס באַגלייט פון שטענדיק אָן זיינע געזאַנגען.

און אַזוי ווערט געבוירן דער עמאָטיווער פּראָטעסט קעגן מלחמה ביים העלדישן קריגסמאַן, וועלכער תפילהט אוים זיין געבעט אין שטילסטן געשעפטש:

די נאַכט האָט באַדעקט מיך מיט פינצטערע פליגל,
און ווידער מיך הילט לאַנגפאַרגעסענע רו...
...און ס'דאַכט מיר, אין סאַמע מיט-פעלד אויף די קני
שטייט עמעץ אַ גוטער און פליסטערט און בעט:
— מיין גאָט, אויב געווען איז דיין צאָרן אויף זיי,
וועט איצט דיין רחמנות ניט זיין נאָך צו שפעט.
...און יענע, וואָס טרעפן ביינאַכט זיך ווי פיינד,
צי ווייסטו ס'געבעט, וואָס זיי ריכטן געהיים?
זיי פליסטערן שטיל: כ'בין ניט שולדיק... גענוג!
קער אום מיך, מיין גאָט, צו פאַרלאָזענער היים!

אָבער ס'טרעפט, אַז די געשעענישן, ברענגען אים צו אַנדערע שטימונגען. ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד, לעבט ער איבער גאַנץ ביטער די נגישות, וואָס ס'קומט אוים דער יידישער באַפעלקערונג, דעם

שטענדיקן שעיר לעזאזל, איבערצוטראָגן מצד דעם צעווילדעוועטן צאַרישן מיליטער. באַזונדער אויפגעבראַכט ווערט ער אָבער פון דער קריכערישער מסירה-כוואַליע מצד די פוילישע שכנים, וועלכע לויפן אַרום צווישן די דעמאָראַליזירטע צאַרישע מיליטערלייט און אונטער די פאַרשידנסטע אויסריידן העצן זיי יענע אָן אויף יידן. זיין געדעכטער צאָרן פלאַמט אויף, ווען ער קומט אין שטעטל ד... ווו ער זוכט אויף די שוועסטערן ג..., מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אין קאַליש. ער דערוויסט זיך פון זיי וועגן די שענדלעכע מעשים, וואָס ס׳טוען אָפּ אין שטעטל די פוילישע איינוווינערם. ווי זיי פירן די „דענשטשיקעס" (דינערס ביי אָפיצירן), צו ווייזן ביי וועלכע יידישע משפחות ס׳געפינען זיך שיינע טעכטער... זעלנער באַפאַלן שפעטער די דאָזיקע הייזער, ברוטאַליזירן די הויזגעזינטן און פירן אַוועק די מיידלעך מיט געוואַלט.

אין יענע טעג שרייבט ער אָן זיין באַרימט-געוואָרן קללה-ליד:

און ניט נאָר דיין שייער וועט שטיין אָן א דאַך,
אָן טיר און אָן פענצטער צעבראָכן דיין הויז —
קיין זאַנג וועט ניט בלייבן צו זעטן אַ מויז
באַ דעם, וואָס געוועזן איז מיט ברויט-סטירטעס רייך.

דיין פאָלק וועט צעפאַלן, ווי האָלץ, וואָס צעפוילט,
אַזוי ווי פון מאָל ס׳ווערט צעגעסן אַ קלייד,
דערפאַר, וואָס מיין פאָלקס אומגעהייערן לייד,
האָסט געמאַכט פאַר דיין פרייד.

ווי ס׳פייכטקייט פון קלייד טריקנט אוים קעגן ווינט,
וועט ביסלעכוויז אויסגיין דיין ערדישע קראַפט.
און אויסגעפרעסט וועסטו פון פעלקער אַרוים
ווי פרוכט אָן איר זאַפט.

✶

די רעוואָלוציע טרעפט אים אויפן פראָנט. די סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען אַדורכגעמאַכט די בלוטיקסטע שלאַכטן, און פאַר וועמען ער האָט אין די רויִקערע טעג געלייענט אין די אָקאָפּעס זיינע לידער, קומען צו אים מיט זייערע פראַגן, אויף וועלכע ער ענטפערט מיט באַגייסטערונג. זיינע חברים-סאָלדאַטן ווייזן אים אַרויס זייער צוטרוי און קלייבן אים אויס פאַר אַ פאָרשטייער אין מיליטער-קאָמיטעט.

סוף 1917, נאָכן אָפּזיין פיר יאָר אויף די פראָנטן, קומט ער צוריק קיין קיעוו. ער ווערט קאָרעקטאָר אין דער בונדישער „פאָלקס-ציייטונג", וועלכע ווערט דעמאָלט רעדאַגירט פון שכנא עפּשטיין. דאָרט הייבט ער אויך אָן צו דרוקן זיינע לידער, וועלכע ער לייענט פאַר פאַר די זעצערס, איידער זיי גייען אַריין אין דרוק, פונקט ווי ער האָט פריער געפּלעגט לייענען זיינע לידער פאַר די סאָלדאַטן.

ער פאַרעפנטלעכט דאָרט צום ערשטן מאָל זיין פּאָעמע „אין אויפשטאַנד". ווי אַ ווייסער פליגל, רירט אונדז אָן די וויזיע פון פּאָעט, און צוזאַמען מיט אים זעען מיר ווי:

אין קאַלטער ווינטער-נאַכט, באַ שיין פון בליצנדיקע שטערן,
אויף ווייטע געגנטן צעפלאַקערן זיך שריפות,
אין וועלדלעך טונקעלע, אין האַלבע שוצגראָבנס;
באַ טונקלער זייט פון ברענענדיקע דערפער,
זיך שלענגלען שורות מורדים
מיט ביקס אין האַנט, מיט וואָרעם בלוט אין האַרצן.

און צוזאַמען מיט אים הערן מיר ווי:

ס'ברומט אויף דער קייטן-קלאַנג פון דורות קנעכט
מיט אָרעמען געביין צעשאָטענע אויף לעבנסמידע וועגן,
ס'זידט אויף דאָס בלוט פון מענגעס מיינע ברידער,

מיט האַנט צו האַנט און קאָפּ צו קאָפּ געשאָכטענע
אויף שלאַכטפעלדער פון קיילעכדיקער ערד.

זיין דורשט נאָך גערעכטיקייט איז אויך אין מיטן פון האַרטן קאַמף, באַגלייט פון זיין טיף־עטיש געפיל, וואָס פאַרלאָזט אים קיין מאָל נישט. ער זעט די קרבנות פון דער רעוואָלוציע און ס׳טוט אים ווי פאַרן פריש־פאַרגאָסענעם בלוט, וואָס באַפלעקט דעם ניצחון.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך דעם מאָטיוו, וועלכער וועט שפּעטער פאַרנעמען אַזאַ וויכטיק אָרט אין ה. לייוויקס „גאולה קאָמעדיע" (1932—1934), ס׳איז די שווערד פון משיח בן יוסף. אָבער שוואַרצ־מאַן פרעגט זיך אין דער דאָזיקער פּאָעמע: צי דאַרף טאַקע משיח פאַרגיסן בלוט?

איך ווייס: ס׳וועט צאַרטעם מענטשן־לייב נאָך ציטערן
אין אַ געמיש פון קויט און בלוט,
און ניט קיין יום־טוב האָט באַליכט
אין מיטן נאַכט די האָריזאָנטן,
נאָר עמעץ וויל דעם פיין, און עמעץ וויל דאָס בלוט.

דאָרט פאַרעפנטלעכט ער אויך זיינע מילחמה־מאָטיוון, די פּאָעמע „זעאונג" אאַנ"ד. ער איז דורך די שווערע יאָרן אויסגע־וואַקסן, רייפער געוואָרן און ער פאַרמעסט זיך ערשט אויף ברייטע לייוונטן, וואָס דאַרפן איבערשטייגן זיינע ביז־איצטיקע דערגריי־כונגען און אים דערפירן צו זיין שלימות, וועלכע צייכנט זיך אָן גאָר גרוים.

אין אָנהייב פון 19טן יאָר געזעגנט זיך מיט אים יצחק קלע־טשעווסקי, וועלכער גרייט זיך צוריקצופאָרן קיין פּוילן. אשר זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל אויפזוכן אַלע קאַלישער פריינד, זיי איבערגעבן זיינע ברידערלעכע גרוסן און אים שרייבן וועגן איטלעכן באַזונ־

דער. ער פאַרזיכערט אים, אַז ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועט ער קומען זיך זען מיט זיי אין קאַליש.

שוואַרצמאַן וויל איצט אָפּרוען נאָך די גרוילן פון דער מילחמה. ער זעט דאָס נייע לעבן, וואָס גייט אויף, ער חלומט וועגן בעסערע צייטן פאַר די אויפגעריכטע און אויסגעלייזטע מענטשן, וואָס:

דעם נביאס וואָרט האָט אויפגעהויבן זיי
פון גריבער און פון זומפּן.
...זיי גייען כיתותווייז, ווי סטאַדעס יונגע הירשן,
זיי גייען קייטנווייז, ווי רייען פון מלאכים,
מיט זיי דער שטאָלצער גייסט,
וואָס רוט אויף שווייגנדיקע פאַלקן,
דער רויש פון באַטאַרייעס לויפנדע מיט זיי.

(„זעאונג")

ער שרייבט דעמאָלט זיין ציקל „שבת". שורות, וואָס אָטעמען מיט פרידלעכקייט און מנוחה, און ווו מענטש און חיה לעבן צווישן זיך בשלום:

ס'איז אַ הירש שוין געקומען צו טרינקען פון טייך,
ס'איז דאָס וואַסער אַ לויטער-קרישטאָלענע דעק...
מיט אַ צווייענדיק-ליכטיקער זעלע טרוים איך
פון אַ לאַנד דאָרט אויף יענעם באַגילדעטן ברעג...

ער גייט אַקעגן דעם אויפברעכנדיקן פרילינג און ער זאַפּט איין אין זיך די ערשטע סימנים פון אויפלעבונג אין דער נאַטור:

ס'ציט אָן פון פעלד אַ וווקס-געֿרויש,
פון קנאָספּע שיילט אַ בלאַט זיך אויס

און אין אַן אַנדער ליד פונעם ציקל „שבת", פילן מיר אָפּ זיין אידילישע רו פון מאָמענט:

ווי שבת-מלאכים אויף זייד-בלויע הימלען,
אַזוי קומט די רו אין מיין האַרצן...
...ווען זון האָט איר רייכקייט אויף ימען צעשפּליטערט,
באַגעגן איך שיפן, וואָס קומען פון ווייטן,
מיט מוסקל, ווי זעגל אין שיינלעכן ציטער,
מיט האַרצן, וואָס ווייסט שוין פון רוען נאָך שטרייטן,
באַגעגן איך שיפן פון גאָלדענע ווייטן.

און אין דער דאָזיקער לעכצעניש נאָך רו, וואָס איז שוין אַליין אַ „רוען נאָך שטרייטן", האָט זיך ערשט צעברויזט זיין שאַפונגס-כוח. קרעפטיקע און דערביי דין-געליטערטע טענער, ברענגט ער אַרויס מיט אַ רויִקער געצוימטקייט און דערפאַר שלאָגן זיי אָפּ מיט באַזונדערע אימפּולסן.

ער גאַרט נאָך רו און ער נעמט זיך שאַפן אַן אייגענעם ווינקל. ער האָט חתונה מיט אַדעל מאַרמאָר און גייט זיך איינאָרדענען אַ שטיל פרידלעך לעבן.

אָבער ס'איז נישטאָ קיין רו פאַר אַ גרויס האַרץ, וואָס קען נישט שווייגן, ווען ס'שרייט דער באַפאַלענער. און שוין פאַרנעמען מיר ביי אים גאָר אַנדערע טענער. טענער פון אַ פאַרשאַרפטן אומרו און פון שולדיקייט:

פאַרגיב מיר, מיין גאָט, פאַרן פייער, וואָס ברענט דאָ,
פאַר קוילן, וואָס גליִען און קוועלן און שפּילן,
פאַר זיצן און קוקן אַן זינען, אַן צילן...

און באַווירקט פון דער רעאַקציאָנערער געפאַר, אויפגעצאָרנט פון די שחיטות און פּאָגראָמען אויף יידן, טרעט ער אַריין, ווי אַ פרייוויליקער, אין דער רויטער אַרמיי.

ווידער גייט ער אַוועק אויפן פראָנט. אָבער דאָס מאָל האָט דער קאַמף באַקומען אַ זין: ער וועט זיך שלאָגן קעגן די פּוילישע אינ-

וואַזיע-באַנדעס, וועלכע ברענגען מיט זיך רעאַקציע און פּאָגראָמען. זענען דאָס דאָך די אייגענע קעגן וועמען ער האָט פאַר פיר יאָר צוריק אָנגעשריבן זיין קללה-ליד.

פאַר זיין פאַרלאָזן די היים, שרייבט ער אָן זיין לעצט ליד, וואָס האָט איצט אין זיך די אימפּעראַטיווע קורצקייט פון שטרענגן דיכ־טער-קאָמאַנדיר. אַ ליד-באַפעל, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט שורות וועלכע קלינגען אָפּ מיט דער קלאָרקייט פון דינסטן שטאָל:

אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאָל-אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן.
דער שונא ביי די טויערן!

דוויד גענקין, אַ מיטקעמפער פון דער שלאַכט, אין וועלכער שוואַרצמאַן איז געפאַלן, דערציילט, אַז ווען ער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד און אָפּגעגאַנגען אין בלוט, האָט ער נאָך אַלץ נישט אויפ־געהערט צו שיסן אין שונא, ביז די ביקס איז אים נישט אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

הערנדיק אָט די גבית-עדות, קען מען נישט נישט טראַכטן וועגן אַ געוויסן אָפּשניט פון אַ בריוו, וואָס אשר שוואַרצמאַן האָט גע־שריבן פון פראָנט צו זיין קוזין, דעם פּאָעט דוויד האָפשטיין, אין 1916:

„עס הערט זיך מיר אַ יעגער-האָרן איבער שנייִיקע פעלדער. און איך זע: פונעם עק וואַלד איז אַרויסגעשפּרונגען אַן אונטער־געשאָסענער הירש און אָפּגעשפּרונגען אַ הונדערט קלאַפטער, האָט ער, אָפּגייענדיק אין בלוט, זיך אַזוי אַ זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אַראָפּ און זיך איבערגעקערט אויף אַ זייט. ביי זון-פאַרגאַנג ראַזעווע אַזוי טרויעריק-שווייגנדיק די ווייטע שנייִיקע לאָנקע מיטן הירש, וואָס שטאַרבט אויף איר. — — —"

אַזוי איז געפאַלן דער, וואָס האָט נישט בלויז געקענט מיימטערן דאָס וואָרט, נאָר פאַר וועמען דאָס וואָרט איז שטענדיק געווען אַן אויסדרוק פון זיין אייגענער טאַט. ער איז נישט געווען פון די בעלי־חלומות, וואָס באַגנוגענען זיך מיטן באַזינגען די אַקציע, נאָר אין דער טואונג געזוכט צו פאַרווירקלעכן זיינע געזאַנגען.

„מיט ביקס אין האַנט, מיט וואָרעם בלוט אין האַרצן" — צי האָט נישט די דאָזיקע שורה אָנגעשריבן אַ מענטש, וועלכער האָט אויסגעפירט זיין אייגענע צוואה?

זיין טויט איז ווי אַ טראַגישע דערגענצונג צו זיין יונג־בלוטיק לעבן און שאַפן, ווייל אין אַלץ און אין יעדער צייט איז ער געבליבן טריי צו זיך אַליין.

און אויף דער שוועל פון זיין גדעכעניש רופן זיך אָפּ זיינע אייגענע עפּישע פערזן:

אַ זון־באַשיינטער ריז, האָט ער זיך אויפגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האַנט אויף גאָרער וועלט...
אַ גרויס בלוי־שווייגן איז אַצינד זיין היכל,
און ס'איז זיין זונענבליק פאַר אַלצדינג מוחל, מוחל...

1. אַ הילצערנער אָנהאַלטער מיט אַ מעטאַלענעם שטיפט, מיט וועלכן דער שטיקער האָט געפירט איבערן מוסטער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך צוגעטשעפּעט אויף אַ ברעטל. צוזאַמען מיטן באַנדיגראַף האָט זיך מיטבאַוויגן אַ נייען־מעטערדיקע ראַם, אין וועלכער ס'איז געווען אָנגעשפּאַנט די לייוונט, וואָס אויף איר האָבן זיך דורך די באַוועגונגען פון שטיקערס האַנט, אויסגעהאָפטן די שטיקערייען.

ביבליאָגראַפיע:

אשר שוואַרצמאַן — „אַלע לידער", קיעוו, 1923.

„אשר שוואַרצמאַן" — לידער און בריוו, קיעוו, 1935, דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון מ. לעוויטאַן און מאַקס עריק.

מרדכי געבירטיג

(1942 — 1877)

פאלקס־פאעט און קאמפאזיטאר

מרדכי געבירטיג

ציכענונג פון פנחס קאַלענבערג

„...איז פרעגט נישט מער: ווו ליגט דער ייד דער פשוט־פּראָסטער?
ער ליגט נישט אין זיין קבר ערגעץ אַ פאַרלאָזטער; —
גלייך קיין מאָל נישט געטראָפן פון דעם שונאס קויל,
ער גייט פון אָרט צו אָרט, און אומעטום — אַן עולם
זיך זאַמלט אַרום אים און קוקט אין מילדן מויל אים,
און זינגט אין כאָר דאָס ליד, וואָס שטראָמלט פון זיין מויל".

לייב אַליצקי.

די ביאָגראַפיע פון מרדכי געבירטיג, וועמענס נאָמען ס'איז געוועזן בערטיג, וואָלט מען געקענט איבערגעבן אין עטלעכע ווערטער. געבוירן אין קראָקע דעם 4טן מאַי 1877, ביז צען יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אַוועק אויף דער לער ביי אַ סטאָליער. אין קראָקע האָט ער חתונה געהאַט און דאָרט געלעבט מיט זיין ווייב און דריי טעכטער. אומגעקומען אין קראָקעווער געטאָ דעם 4טן יוני 1942.

זיין היימשטאָט קראָקע איז פון שטענדיק אָן געוועזן איינגעטונקט אין יידישקייט און איז געוועזן באַקאַנט פאַר אַ צענטער פון יידיש וויסן און קולטור. פון דאָרט זענען אַרויסגעקומען אַ סך גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, געלערנטע און פילאָזאָפן.

ער איז געוועזן אַ פשוטער ייד, אַן עמך, און האָט נישט פּרעטענדירט צו זיין אַ שרייבער. אָבער ער איז אַרומגעגאַנגען אין לעבן מיט אַ געזאַנג אויף די ליפּן, און דאָס פאָלק האָט אויף אַ ברייטער קאַנווע געשפּונען אַ לעגענדע אַרום אים.

האָט אַ ייד געוווינט אויף דער יוזעפאַ-גאַס, אויף דער קאַזשמיעזשער פאָרשטאָט פון קראָקע, געהובלעוועט ברעטער און געשניצט מעבל פאַר יידישע שטיבער. ער האָט ביי דער אַרבעט זיך צוגעברומט ניגונים, אַ מאָל מיט ווערטער און אַ מאָל סתם אַזוי אין זיך, אָן ווערטער.

דערפון זענען אָבער אַרויסגעקומען לידער, וועלכע זענען גע־וואָרן אויפגעכאַפּט פון די שטוביקע. און ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צעטראָגן איף ווייטערדיקע שטחים און זיי האָבן זיך אַזוי אויף דעם אופן פאַרשפּרייט אין דער געגנט אַרום.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי ס'האָט געמוזט אויסזען אַזאַ טאָג אין הויז פון דער משפחה געבירטיג. אַזאַ טאָג איז אַדורכגע־גאַנגען אין שווערער פּראַצע און אין געזאַנג, אַ סך געזאַנג. ס'האָבן דאָרט נישט געפעלט קיין שטוב־זאָרגן מיט קלענערע אָדער גרעסערע עגמת־נפשן, אָבער דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן פאָן פון אַ נחתדיקן צוזאַמענלעבן פון מענטשן, וואָס האָבן געלעבט איינער פאַרן אַנדערנס וועגן.

פריינד, היימישע מענטשן זענען אַריין־און־אַרויס געגאַנגען, מען האָט געכאַפּט אַ שמועס אויף איין פוס און ווייטער געאַרבעט, ווייטער געזונגען. דאָס אידעאַלע האָט זיך אויסגעמישט מיט טעג־לעכן לעבן, און דאָס טאָג־טעגלעכע איז געוואָרן אידיליע.

און דאָס פאַרשטייט מען דאָך שוין אַליין, אַז דער דאָזיקער פאָלקס־מענטש איז געווען אַן אָרעמאַן. פון דעסטוועגן האָט זיך אין שטוב דאָך געפונען אַ קלאַוויר. דאָס האָט — ווי ס'גיט אונדז איבער קובאַ קויפּטייל, אַ פּערזענלעכער פריינד פון מרדכי געבירטיג — איינע פון די טעכטער אַרויסגעוויזן באַזונדערע פעיִקייטן צו מוזיק און מען האָט אַלץ געטאָן אַריינצובאַקומען אַ קלאַוויר אין שטוב אַריין. און דער טאַטע פון דער געראָטענער טאָכטער האָט ביים צוזאַמענשטעלן זיינע מעלאָדיעס זיך אַרויסבאַהאָלפן מיט איינ־איינציקן פינגער אויף דער דאָזיקער פּיאַנע.

יאָרן זענען אַזוי אַדורך. זיינע לידער האָט מען אויפגעכאַפּט, אָפּגעשריבן און איבערקאָפּירט פון האַנט צו האַנט און אַזוי זענען זיי פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן יידן. אָבער קיינער האָט נישט אָנגע־הויבן צו וויסן, וועמענס די לידער זענען. און אים אַליין איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז די לידער וועלן אַ מאָל, ווען עס איז, ווערן אָפּגעדרוקט

ערגעץ אין אַן אויסגאַבע, צי גאָר אין אַ בוך. וואָרעם דאָס האָט מען דאָך נאָר בלויז אַזוי געברומט און געזונגען, פשוט, ווייל ס׳האָט זיך עפּעס געריסן אַ געפיל, וואָס האָט געזוכט אַן אויסדרוק. ווייל דער פאָלקס-געניוס האָט געשלומערט און איז געווען בבחינת מאַטעריע און זיין פּאָטענציאַל האָט געלעכצט צו ווערן פאָרעם, זיך אַנצוקליידן אין אַ גוף און קומען צו שלימות.

און ווי אַזוי האָט דעם קראָקעווער האַרעפּאַשניק גאָר געקענט קומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס איז ער געקרוינט געוואָרן אַן זיין וויסן פון דעם כוהן גדול פון דער קונסט צו ווערן דער, וואָס אים איז באַשערט געוואָרן צו באַפרייען דעם חומר און אים צו געבן אַ געשטאַלט? ווי האָט ער זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז זיינע לידער, פּשוטע, געקומענע פון זיך אַליין, ווי דאָס טרילן פון אַ פויגל, וועלן אַ מאָל אַריבערשפּאַנען אַלע גרענעצן, אַריינדרינגען און טיף זיך איינוואָרצלען אין דער נשמה פון יידישן פאָלקס-מענטש און אינטע-לעקטואַל, אומעטום, ווו ס׳איז נאָר פאַראַן אַ יידישער יישוב ערגעץ אין דער ברייטער וועלט?

האָט זיך אים געקענט חלומען, אים, דעם דיכטער, וועמען ס׳איז קיין מאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק זיינע לידער אָפּצודרוקן, וואָר שמועסט נאָך צווישן טאָוולען, האָט ער געקענט אַ מאָל טראַכטן וועגן דעם, אַז קינסטלער-זינגערס וועלן ווערן וועלט-באַרימט אַ דאַנק דעם, וואָס זיי וועלן זינגען פאַרן פאָלק זיינע קרעאַציעס?

איז ער געווען דערשטוינט, ווען ער האָט געזען, אַז מען מאַכט אַ וועזן פון זיינע „לידלעך". אָבער אַ גאָר גרויסע איבעראַשונג האָט אויף אים געוואַרט, ווען עטלעכע איבערגעגעבענע פריינד זיינע האָבן אָן זיין וויסן געלאָזט אָפּדרוקן אַ קליין ביכעלע פון 32 זייטלעך, טאַשן-פאָרמאַט, אונטערן טיטל „פאָלקסטימלעך".

דאָס איז געווען אין יאָר 1920. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 43 יאָר. און ביי זיין רייפן עלטער איז געווען מאָדנע צו ווערן אַן אָנפאַנגער אין דער ליטעראַטור. האָט זיך טאַקע דערמיט גאָרנישט

געענדערט אין זיין שטייגער לעבן. אוודאי האָט די געשעעניש אַריינגעבראַכט אין זיין לעבן אַ יום־טובדיקן טאָן, וואָס האָט סטי־מולירט און צוגעגעבן פאַרב און ליכטיקייט צו זיין גייסטיקער וועלט. אָבער ער וועט נאָך לאַנג בלייבן דער אַנאָנימער, דער אומ־באַקאַנטער פאָלקס־דיכטער, וואָס זיינע שאַפונגען, ווי עכט זיי זאָלן נישט זיין, בלייבן זיי פאַר דער וועלט אָן אַ מחבר.

ס׳קומען אויפן געדאַנק די גרויסע פאָלקס־דיכטערס, וועלכע זענען געווען פאַר אים, און באַזונדער די גרעסטע צווישן זיי, וואָס האָבן געלעבט אין לעצטן יאָרהונדערט: אליקום צונזער, אברהם גאָלדפאַדען און מאַרק וואַרשאַווסקי. אָבער ווען מען פאַרגלייכט זייערע ווערק, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז געבירטיג פאַרנעמט אין דער יידישער פאָלקס־דיכטונג זיין באַזונדערן אָרט, וואָס קיין אַנדערער קען נישט אויספילן.

אליקום צונזער, וועלכער האָט געלעבט אין ווילנע מיט 37 יאָר פאַר געבירטיגן, האָט אויך אַליין געשאַפן די ניגונים צו זיינע טעקסטן, און אַ סך לידער זיינע ווי: „די סאָכע", „דער פאַראָם" אאנ"ד, האָבן אין זייער צייט באַהערשט די יידישע גאַס.

אָבער אליקום צונזער, דער פּראָדוקטיווסטער יידישער פאָלקס־דיכטער, הגם ער האָט געוואַלטיקע פאַרדינסטן פאַר דער אַלטער יידישער פאָלקס־שאַפונג, איז ער אָבער געווען און פאַרבליבן דער געניאַלער בדחן.

אין זיינע 65 זאַמלונגען, אין וועלכע ס׳זענען געוואָרן פאַר־עפנטלעכט אַן ערך זעקס הונדערט לידער, געפינען מיר זייער ווייניק, וואָס זאָלן זיין פריי פון בדחנות און פון משכיליש־דידאַקטישן גייסט.

באַפרייט פון די משכיליש־דידאַקטישע טענדענצן זענען די לידער פון אַברהם גאָלדפאַדען, וועלכע זענען אַדורכגענומען מיטן אָטעם פון ריינער פּאָעזיע. אָבער מיר האָבן דאָ פאַר זיך, דער עיקר,

נאַציאָנאַל-סימבאָליסטישע עלעמענטן, אַלעגאָרישע מאָטיוון, ווי מיר זעען „די אלמנה ירושלים מיט איר איינציק קינד אפרים". אַן אַנדער מאָל איז דאָס „די אלמנה בת-ציון, וואָס זיצט אין בית המיקדש אין אַ ווינקל חדר — און זינגט איר בן יחידל, יידעלע, אַ לידל כסדר: זי זינגט פון זיין שפּעטערדיקן פאָרן האַנדלען / מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען".

מאַרק וואַרשאַווסקי, וועלכער איז געקומען באַלד נאָך גאָלד-פאַדענען, (געבוירן אין 1848) דער אינטעלעקטואַל, וועלכער איז אַגב, געווען יורידישער ראַטגעבער אין אַ בעלגישער פירמע פון הוטעס אין רוסלאַנד, האָט אויך געשריבן פאָלקס-לידער מיט אייגענע ניגונים.

דאָס באַרימטסטע ליד זיינס, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט ביים פאָלק, און ווערט נאָך געזונגען ביזן היינטיקן טאָג, איז „אויפן פּריפּעטשיק". דאָס דאָזיקע געזאַנג רופט אַרויס עמאָציע ביי די צוהערערס פון די פאַרשיידנסטע פאָלקס-שיכטן, און צוזאַמען מיט „די מוזינקע", „דעם מילנערס טרערן" אאנ"ד, זענען זיי געבליבן ווי אַ באַדייטנדיקער צושטייער צום אוצר פון יידישער פאָלקס-שאַפונג.

ס'וועט אָבער נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אַזוי ווי וואַרשאַווסקי איז דער פאָלקס-פּאָעט פון דעם, וואָס איז אינטים-נשמהדיק ביים פאָלק, איז געבירטיג דער זינגעוודיקער אַנטפּלעקער פון דעם חנעוודיקן שמייכל אויפן פּנים פון דער פאָלקס-פאַנטאַזיע, אַרומנעמענדיק אַלץ, צו וואָס ער רירט זיך צו מיט אַ דורכזיכטיקן וואַל פון אַ וואַרעמער קאָלירקייט. זיינע שאַפונגען וועלן דעריבער אויף שטענדיק זיין באַליבט ביים פאָלק, וועמענסליידן און נחת, זאָרגן און האָפענונגען זיי זינגען אויס אַזוי מישפּחהדיק-אייגן און געטריי צום לעבעדיקן לעבן. אפשר דערפאַר זענען זיינע מאָטיוון אַזוי לייכט צום אויסלערנען, אַזוי גרינג צום זינגען. דאָס איז אַזוי ווייט אמת, אַז יעדער, ווער ס'זינגט די דאָזיקע לידער, האָט כמעט דאָס געפיל, אַז ער איז אַליין דער מחבר זייערער. דאָס, וואָס איז

אינטים, ווערט אַנאָנים, און דאָס וואָס ס'האָט געשאַפן אַ קינד פון פאָלק, ווערט די שאַפונג פון פאָלק אַליין.

*

און ס'גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט, ביז מען דערקענט אים. אין די דרייסיקער יאָרן בלייבן געבירטיגס לידער נאָך אַלץ אַנאָנימע שאַפונגען און אומבאַקאַנט פאַר דער יידישער ליטעראַטור. זיי ווערן נאָך אַלץ איבערגעשריבן און איבערגעגעבן פון איינעם צום אַנדערן. אָבער מיט דעם וועג דערגייען זיי צו די טעאַטער-בינעס, און די טאַ־לאַנטפולסטע אַרטיסטן כאַפּן זיי אויף מיט באַגייסטערונג, נישט ווייסנדיק אפילו וועמענס לידער זיי זינגען.

סוף-כל-סוף רופן זיך אָפּ די קונסטקריטיקערס, די יודעי חן, און נעמען זיך אויספאָרשן די זאַך, און מען דערגייט ענדלעך ווער ס'איז דער מחבר פון די אַלע טעקסטן מיט זייער מוזיק.

ס'קומט דער גרויסער אויפשטייג. אין משה שאָרס פּיעסע „די רומענישע חתונה", אַן אָפּערעטע, וואָס ווערט גיך פּאָפּולער אין דער יידישער וועלט, זינגט מען מיט גרויס דערפאָלג זיינע „קינדער־יאָרן" און „הוליעט, הוליעט, קינדערלעך!" אין די יידישע קליינ־קונסט-טעאַטערס ווי: „אַראַראַט" (ווו ס'האָבן דעביוטירט די וועלט־באַרימטע דזשיגאַן און שומאַכער), „אַזאַזעל", „די באַנדע", „סמב־טיון" און „מאידים", גייען די לידער-סצענעס נישט אַראָפּ פון די ברעטער. בינע-קינסטלערס ווי: הייהלע גראָבער, מאָלי פּיקאָן, דבורה ראָזענבלום, משה פּאַטאַשינסקי, יאָסעלע קאָלאָדני, משה קיפּניס אאנ"ד, זינגען זיי אין די גרעסטע שטעט פון אייראָפּע און אַמע־ריקע פאַר פול-געפּאַקטע זאַלן.

און זיין נאָמען ווערט גיך באַרימט אין אַלע תפוצות ישראל. די לעגענדע, וואָס הייסט „מרדכי געבירטיג", שפּרייט זיך אויס אין דער וועלט, דרינגט אַריין אין יעדן יידישן ווינקל. אָבער זיינע לידער זעט מען נאָך אַלץ נישט אין דרוק.

ערשט אין יאָר 1936 שאַפט זיך אַ געבירטיג־קאָמיטעט, וועל־כער גיט אַרויס אין קראָקע די זאַמלונג „מיינע לידער", וועלכע איז כולל 53 לידער. און צוזאַמען מיט דער אויסגאַבע פון 1920 האָבן מיר שוין דריי און זיבעציק אָפּגעדרוקטע לידער פון מרדכי געבירטיג.

אין 1942 דערשיינט אין ניו־יאָרק אַ צווייטע אויפלאַגע פון דעם בוך; אין 1946 דערשיינט אין קראָקע די אויסגאַבע „ס'ברענט!" אַרויסגעגעבן פון דער „יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צ"ק פון פוילישע יידן" מיט 17 לידער, וועלכע זענען געוואָרן אָנגעשריבן זינט 1936 ביז 1942.

זיין ליד האָט, ווי מיר זעען, אויפגעפּראַלט טיר און טויער און אַרויסגעשפּאַרט מיט כוח אין דער ברייטער עפנטלעכקייט.

זיין שירה האָט ער גענומען ביים פאָלק און אים צוריקגעבראַכט מיט שלימות דעם שמח בחלקו, די מישפּחה־טרייקייט, דעם תמי־מותדיקן שמייכל פון דעם עמכניק, דעם ערלעכן בליק פון דעם יגיע־כפּיימניק, די לירישע בענקשאַפט און די צניעותדיקע חתן־כלה־ליב־שאַפט. די אָרעמקייט האָט ער איינגעטונקט אין העלע פאַרבן. אין זיינע פריילעכע ניגונים האָט ער אַריינגעוועבט טענער פון אַ גאַלינ־דערטן אומעט און אין זיינע פאַרבענקטע לידער הערן מיר די דינע טענער פון אַ שטיל־ריזלענדיקער פרייד.

דער טעקסט איז אויפן נאַטירלעכסטן אופן צוזאַמענגעגאָסן מיט די ניגונים, און די ניגונים האָבן אין זיך די עלעמענטן פון אַ „תהי־לים־זאָגן", פון אַ „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב", פונעם גמרא־מאָטיוו, פון חזנישע „שטייגערלעך" און פון פאַריידישטע סלאַווישע געזאַנגען.

דאָס איז דער גרויסער כוח פון אמתן פאָלקס־דיכטער. דאָס איז דער געזאַנג פון איינעם פון יענע געזאַלבטע פאָלקס־טרובאַדורן, אויף וועלכע גאָרקי האָט געפלעגט זאָגן, אַז זיי זענען די האָמערן פון 20סטן יאָרהונדערט.

זיין שאַפן און דער אופן ווי אַזוי ער איז געוואָרן פּאָפּולער, זיין אַריינדרינגען טיף אין פאָלק און זיין ווערן אַריינגעפירט אין היכל פון יידישן פאָלקס-געזאַנג; דאָס אַלץ קלינגט אַליין ווי אַ זעלטענע טרעפונג.

איינגעהילט אין די איידעלע געוועבן פון דער צירערישער פאָלקס-פאַנטאַזיע, שפינט זיך די לעגענדע און קלינגט ווי אַ צויבער-מעשהלע. נישט אַ פּאָעט האָט זיך אויסגעקעמפט אַ וועג צום רום, נאָר דאָס פאָלק איז געקומען צו אים, אים געזאַלבט מיט די שמעקע-דיקסטע איילן און אים אָנגעטאָן די קרוין.

✶

לאָמיר זיך אַ מאָמענט אָפּשטעלן אויף די ווערק, וועלכע האָבן געמאַכט פון אים דעם גרויסן פאָלקס-טרובאַדור, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך אין אים אָפּגעפונען אָן אַ פגם און אים געמאַכט פאַר זיין שליח ציבור. לאָמיר זיך באַמיען צו דערגיין די רעטעניש, אין וואָס ס'באַשטייט דער כוח פון מרדכי געבירטיג, וואָס ער קען זיין אַזוי כלליק פאָלקסטימלעך און ס'זאָל דערביי ליגן אַ בפירושער סטעמפּל פון אינדיווידועלישקייט סיי אויף זיינע דיכטונגען און סיי אויף זיין מוזיק. ווו ליגט דער סוד, וואָס ער קען אָנהייבן זיינס אַ ליד מיט אַזאַ פּראָזאַאישן פערז ווי:

„וואָס מאַכסטו עפּעס, משהלע”,

און ס'זאָל, אונטערן כישוף פון זיין פאַרמאַזאָליעטער האַנט, אַרויס-קומען דערפון פּאָעזיע? לאָמיר דעריבער מיטגיין מיט אים בהדרגה-דיק און פּרווון אים צו באַגלייטן אין זיין שאַפן.

איינס פון די גאָר ערשטע לידער, וואָס האָט געהאַט אַ גיכע פאַרשפּרייטונג צווישן יידן, איז דאָס וויגליד „דער יתום”:

„וויין נישט, וויין נישט, קליינער יתום,
שפּאַר די טרערן, כאָטש דיך קוועלט,
ווייל דאָס לעבן האָט נאָר צרות,
אוי, ווי שלעכט, ווען טרערן פעלט!"

די דאָזיקע איינגעהאַלטנקייט, די האַלב-טענער און דער צימ-צום אין אַלץ, איז געווען אַ נייער טאָן אין דער יידישער פּאָעזיע פון יענער צייט. די יידישע וויג-לידער זענען ביז דעמאָלט געווען אָנגע-זאַפּט מיט טרערן. האָבן דאָך יידישע מאַמעס געהאַט אַזוי פיל סיבות צו וויינען! אָבער געבירטיגס מאַמע שפּאָרט די טרערן. זי זינגט אין שטאַרק געדעמפּטע טענער און לערנט איר קינד צו האָבן מאָס אין אַלע זאַכן. ווייל קיין זאַך האָט דער אָרעמאַן נישט צו דער זעט. אַפילו טרערן קענען אים אַ מאָל אויספעלן, און דאָס איז אפשר די ערגסטע קללה, וואָס ס׳קען אַ מענטש טרעפן. ווייל ס׳איז אפילו נישטאָ מיט וואָס זיך לייכטער צו מאַכן דאָס האַרץ אין אַ שווערער שעה.

אין דער אויסגאַבע „פאָלקסטימלעך" געפינען מיר נאָך סאָ-ציאַלע און עראָטישע מאָטיוון און מיר זעען, בכן, אַז באַלד אין דער ערשטער זאַמלונג אַנטפּלעקט זיך געבירטיג ווי אַ פיל-פאַרביקער פּאָעט. אָבער זיין פולן אויפשטייג דערגרייכט ער ערשט אין דעם צייט-אָפּשניט פון 1920 ביז 1938. זיין מוזע פירט אים איבער ברייטע שטחים לאַנד. ער זינגט וועגן אָרעם און רייך, טאַטע און זון, אַר-בעטער און באַלעבאָס, יוגנט און עלטער, ליבשאַפט, טרייקייט און עלעגישער התלהבות. ער שמייכלט פּאָטערלעך דעמאָלט, ווען ער איז סאַטיריש, און ער קען, ווען מען דאַרף, אויסלאַכן מיט אַזאַ איינזעעניש, אַז קיינער קען אים דאָס נישט נעמען פאַר אומגוט. פאַרקערט, פון אים נעמט מען אַלץ אָן פאַר ליב. מען פרייט זיך מיט זיין געראָטנקייט, ווי מיט אַן אייגענעם נחת.

ער מיידט אויס קאָנפליקטן צווישן זיינע פּערסאָנאַזשן. און ווען

מאַטעלע גיט אַזאַ זאָג צום טאַטן, וועלכער מוסרט אים פאַר זיין „יאָגן זיך נאָך יאַנעקס טויבן":

„דער זיידע האָט אַ מאָל דערציילט פון דיר,
פלעגסט אויך נאָך טייבעלעך זיך יאָגן!"

פילן מיר דעמאָלט בחוש, אַז די שקאָצישע אַנצוהערעניש פון צע־באַלעוועטן זינדל טרעפט זיך צונויף מיטן ברייטן גוטמוטיקן שמייכל פונעם פאָטער. און אַזוי וועקסלט זיך ביי געבירטיגן אָפּ שפּיל און ערנסט, הומאָר און עמאָציע, רעאַליטעט און אילוזיע, סקעפּטיציזם און גלויבן.

איינס פון די פּאָפּולערסטע לידער זיינע איז דער דועט פון די צוויי חדר־יינגלעך: „ווער דער ערשטער וועט לאַכן". מיר זענען דאָ די גאַנצע צייט געשפּאַנט, ריכטנדיק זיך אויף עפּעס אַ סורפּריז. ביטערע טרערן פון אַ קינד, וואָס הונגערט ביים לערנען, נעמען אונדז אַדורך און דאָס דאָזיקע קלאָגן זיך וועקסלט זיך אָפּ מיט אַ האַפּערדיקן צוזאָג פון עפּעס אַ זאַך, וואָס דאַרף אויסהיילן אַלע ווונדן, און וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אין סוף פון ליד אין:

„אַ זעמעלע מיט פּוטער
און הערינג אַ פיין קעפּל".

און די דראַמאַטישע געשפּאַנטקייט פאַרענדיקט זיך מיט אַ פריידיקן געלעכטער פון ביידע געטרייע חברים־קינדער.

אין דער קינדער־וועלט פילט זיך געבירטיג סתם ווי ביי זיך אין דער היים. די קינדער זענען מיט אים חבר און זיי האָבן פאַר אים קיין סודות נישט. אין דעם דועט „אברהמעלע און יאָסעלע" באַהאַלטן זיי פאַר אים נישט די מינדסטע זאַך. ס׳איז דער ערשטער פרילינג־טאָג און יאָסעלע פאַרטרויט זיך פאַר אים:

„די זון, ווי שיין זי שיינט,
ווי אַלץ אין פעלד שוין וואַקסט און בליט!
כ'האָב עפּעס גאָר קיין חשק ניט
צו גיין אין חדר היינט".

און געבירטיג טוט אַזוי: אברהמלען, וואָס זאָגט:

„איך טראַכט דאָס אויך אַצינד,
נאָר ווייסט, דאָס איז אַ זינד"

שיקט ער צוריק אין חדר אַריין, און יאָסעלען לאָזט ער אויף דער פריי...

אין „יאַנקעלע", איינס פון די צאַרטע וויגלידער זיינע, קלאָגט זיך די מאַמע מיט אַ נחתדיקן פאָרוואורף:

„אַ יינגעלע, וואָס וואַקסט אַ תלמיד-חכם
און אַ געניטער סוחר אויך צוגלייך,
אַ יינגעלע, אַ קלוגער חתן-בחור,
זאָל ליגן אַזוי נאַס, ווי אין אַ טייך?"

אַ פּאָר ווערטער זענען גענוג, צו שאַפן אַ בילד און אַן אַט-מאָספער, ווו אַ טענה פון אַ מאַמען ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אויסדרוק פון אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צו אַ קינד.

אין „מיין טאַטע אַ כּהן" טרעפן מיר זיך אָן אויף אַן אייגנ-אַרטיקן הומאָר, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר געבירטיגן.

אַ יינגל דערציילט דאָ דעם צווייטן וועגן אברהמלען, וועמען זיין טאַטע איז אַ מאָל געגאַנגען מקיים פּסק זיין, אָבער:

„אַ מזל האָט אברהמל,
גראָד דעם אויגנבליק
שטאַרבט אוועק זיין קראַנקער טאַטע,
אוי, האָט ער אַ גליק!

ווייל אַ כוהן מוז פאַרלאָזן
ס'הויז ווו ס'ליגט אַ מת, —
שלאָג מיך נאָר, דו מיינסט, אַז תמיד
טרעפט זיך אַזאַ נס?

די קינדערשע נשמה, וועלכע ליגט אָפּן פאַר געבירטיגן, באַנעמט נישט דעם טויט, ווי אַן אָפּגעשיידטקייט פון לעבן, נאָר ווי אַ צושטאַנד, וואָס בלייבט ווייטער אין לעבן איינגעגלידערט. און דערפאַר קומט אויס, אַז דאָס וואָס וואָלט אין מויל פון אַ דערוואַקסענעם געקענט זיין אַ נישט-געשמאַקער, מאַקאַברישער וויץ, ווערט אין דער באַרימערריי פונעם יינגל אַ סובטעלער הומאָר. פונקט ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי שלום עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס", בשעת ער טוט אונדז צו וויסן נאָכן טויט פון זיין פאָטער: „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום!" די טראַגיק פון דער געשעעניש באַנעמט ער נישט, אָבער ער נעמט אויף מיט אַ טיפער פילבאַרקייט דעם פאַקט, וואָס יעדער שאַנעוועט אים איצט און באַהאַנדלט אים מיט מער איינזעעניש ווי פריער.

דערפאַר נעמען מיר אויף דעם דאָזיקן הומאָר-עפעקט, וועלכער האָט געקענט זיין אַ שטרויכלונג פאַרן מחבר, ווי איינעם פון די געלונגענסטע איינפאַלן זיינע.

דאָס ליד „די דריי טעכטערלעך" טראָגט, קען מען זאָגן, אַ ביאָגראַפישן כאַראַקטער. ווי שוין אויבן געזאָגט, האָט געבירטיג געהאַט דריי טעכטער און דער מחבר גיט אָן אונטערן טיטל, אַז „דאָס ליד איז אַ מתנה מיין ווייבל בלומקע".

ס'איז ביי יידן, אָרעמע לייט, פון תמיד אָן געווען אַ צרה צו האָבן טעכטער אויסצוגעבן. דער דיכטער איז דאָ מרמז אויף די שווערע זאָרגן, וואָס דאָס פלעגט פאַרשאַפן די עלטערן, און מיר פאַרשטייען דעריבער אויפן וווּנק די פערזן, וועלכע דייטן אָן אויפן דאָזיקן מאָמענט, ביים אויסגעבן די עלטסטע טאָכטער:

„אוי, אונדזער שימחה ווייסט נאָר איין גאָט,
און דער, וואָס טעכטער האָט...“

אָבער דער יידישער אָפּטימיזם איז שטאַרק, און די מישפּחה־צוגעבונדנקייט נאָך שטאַרקער, ווייל ביים יינגסטן טעכטערל קומט שוין די צעשיידונג אָן זייער שווער, און אין דער שימחה גיסט זיך אַריין אַ נאָטע פון באַדויער, קומט שוין צום אויסדרוק די באַנגקייט נאָך אַ ליבשאַפט, וואָס דערוויטערט זיך. און די בענקשאַפט פון טאַטע־מאַמע הייבט זיך שוין אָן אין מיטן דער חתונה־פרייד. קלאָגן זיי זיך:

„שווער געווען אונדז די טעכטער דריי,
אוי, שווערער נאָך אָן זיי!“

ס׳ליגט אַ באַזונדערער חן אויף די ראָמאַנסן און די נאַיוו־אידילישע באַקענטענישן צום געפיל. אין „חנהלע און נחומל“ בעט זיך דער פאַרליבטער ביי זיין אויסדערוויילטער, אַז זי זאָל אים געבן צו פאַרשטיין די רעטעניש, פאַר וואָס —

„ווען דו קומסט מיר אויפן זינען,
מעגן רוישן די מאַשינען,
...האָב איך אַזוי ליב און גערן
שעהן לאַנג פון דיר צו קלערן“.

דאָס דאַזיקע קלאָגן זיך איז ביים מחבר זיינס אַן אייגענער אופן ווי אַזוי אויסצודריקן די גאַנצקייט פון געפיל צו דער געליבטער און קלינגט ווי אַ פאַרבענקט ליוב־געזאַנג פון פאַרליבטן.

דאָס אייגענע געפינען מיר אויך אין „חלוצים־ליבע“, ווו דער חלוץ דריקט אוים זיין פאַרטרוילעך געפיל דערמיט, וואָס ער בעט זיך ביי זיין חלוצקע, אַז זי אַליין זאָל אים דערקלערן די סיבה, פאַר וואָס אומעטום זעט ער נאָר זי:

„צי קענסטו, ציפּורקע, מיר פאַרטרויען דעם סוד —
כ׳וועל קיינעם נישט זאָגן, איך שווער דיר ביי גאָט,
...איך זע דיך אין חלום, איך זע דיך, ווען כ׳וואַך,
ביינאַכט אין דער קבוצה, ווען כ׳שטיי אויף דער וואַך״.

ס׳איז, ווי מיר זעען, דאָ און דאָרט דער אייגענער אידילישער צוטרוי, וואָס וויל זיך אַנטרעפן מיט דער קעגנזייטיקער פאַרטרויונג.

אַ פון דורות געירשנטע צניעותדיקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף דעם באַזונדער פּאָפּולער געוואָרענעם ראָמאַנס „רייזעלע״, ביי וועלכן ס׳געפינט זיך, אַגב, די צושריפט פון מחבר: „אַ מתנה מיין טאָכטער שפרה מיט איר חתן העניך שטאַמבערגער״.

דער געליבטער וואַרט אויף דער גאַס, אַז רייזעלע זאָל אַראָפּקומען פון בוידעם־שטיבל, און אָט איז זי —

„שוין אַראָפּ פון לעצטן טרעפּל,
כ׳נעם זי ליב אַרום,
כ׳גיב איר שטיל אַ קוש אין קעפּל, —
קום, קום, קום!״

און וואָס זאָגט די כלה? —

„כ׳וויל דיך בעטן, דודל,
זאָלסט אַרויף נישט פייפן מער,
— הערסט, ער פייפט שוין — זאָגט די מאַמע, —
זי איז פרום, ס׳פאַרדריסט זי זייער״.

און דער פאַרליבטער חתן פאָלגט אַלץ, וואָס מען הייסט אים טאָן, די אויסדערוויילטע נעמט זיך גרייטן אַ כלה־מתנה, דאָס סאַמעטענע תפילין־זעקל מיטן אויסגעהאָפטענעם מגן־דודל. און אין שלום און שלווה שפינען זיך ווייטער די גאָלדענע פעדעם פון דעם אידעלן געוועב, וועלכער אַנטפּלעקט פאַר אונדז די שיינקייטן,

וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן בלויז געלעבט אין אונדזער פֿאַנטאַזיע.

ער געפֿינט אַ וועג צום האַרץ פֿון דעם אונטערוועלט־מענטש „אַברהמל דער מאַרוויכער״, וועלכער פֿאַרטרויט זיך פֿאַר אים:

„...ווען איך האָב נאָך קיין דרייצן יאָר געהאַט,
אין דער פֿרעמד, ווייט פֿון אַ מאַמעס אויגן,
האָט אין שמוץ מיך די גאַס דערצויגן,
געוואָרן איז פֿון מיר אַ ווילער יאַט.

איך בין אַברהמל, דער פֿעיִקסטער מאַרוויכער,
אַ גרויסער קינסטלער, כ׳אַרבעט לייכט און זיכער,
דאָס ערשטע מאָל, כ׳וועל׳ס געדענקען ביזן טויט,
אַריין אין תּפֿיסה, אוי, פֿאַר לקחענען אַ ברויט״.

און דעם „גאַסן־זינגער״ עצהט ער ווי אַ ברודער:

„דו קריכסט נאָר אין גבֿירישע הויפֿן,
צי האָט דאָרט אַן אָפּקלאַנג דיין ליד?
די רייכע, די זאַטע מאַגנאַטן,
זיי רירט נישט דיין טרויעריק געמיט.
..אויב ווילסט אויף דיין זינגען מבֿינים
...גיי, זוך זיי אין אָרעמע הייפֿלעך,
דאָרט זינג דיינע לידלעך פֿאַר זיי״.

ער אַליין זינגט טאַקע דער עיקר פֿאַר דער דאָזיקער אוידיטאָריע. ער געפֿינט דאָרט זיינע בעסטע מבֿינים, און אים זענען גוט באַקאַנט די נויטן פֿון די דאָזיקע אָרעמע הייפֿלעך. ער האָט אַפֿילו אַן אויג פֿאַר אַזאַ פּראָבלעם, וואָס שטעלט זיך יעדן טאָג פֿאַר דער נישט־פֿאַרמעגלעכער מאַמען פֿון אַ שטוב מיט קינדער קיין עין הרע: וואָס נעמט מען צו קאָכן אויף מיטאָג היינט? וואָרעם —

„יאַסעלען ווילט זיך קאַרטאָפל־זופּ מיט שוואָמען,
און דער טאָכטער סאָסל
ווילט זיך פערפעלעך מיט ראָסל;
און דעם טעכטערל חיה
שמעקט באָבעלעך מיט קליסקעלעך אַ מחיה".

און די אָרעמע באַלעבאָסטע ווייסט נעבעך נישט ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן, כדי אַרויסצוקומען פון דאָזיקן פּלאָנטער. דאָס זענען אַלץ טאַקע כשרע, יידישע מאכלים, אָבער צו דעם וואָלט נייטיק געווען, אַז ס'זאָל אויפהערן אויסצופעלן דער „גראָשן אין שטוב".

מיט שפּראָדלדיקן הומאָר און רייך אין פאָלקלאָר איז „נאָך אַ גלעזל טיי", ווו מאַן און ווייב קענען צווישן זיך נישט אַדורכקומען צוליב אַ נאָמען געבן דעם קינד, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן. ווייל פּערעלע וויל; אַז:

„ווען מיט מזל איך וועל האָבן
אַ יינגעלע אין פריידן,
וויל איך אונדזער קינד זאָל הייסן
נאָך מיין פרומען זיידן".

אָבער דער מאַן, בערעלע, באַשטייט נישט דערויף:

„...כ'האָב דאָך אויך אַ דעה,
האָסט דאָך ערשט געהאַט אַ מיידל
נאָך דיין באָבע לאה".

און אַזוי גייען די אַמפּערנישן ווייטער אַן ביז מען מאַכט שלום ביים געדאַנק, אַז אפשר וועט דאָס גאָר זיין אַ צווילינג, אוןביידע צדדים וועלן קענען באַפרידיקט ווערן אין איין צייט.

און ווער האָט נישט הארציק געלאַכט ביי דעם ליד, וואָס הייסט „כ'וויל נישט אַזאַ חתן"? די כלה וואַרפט זיך מיט די חתנים, ווייל

זייערע נעמען געפעלן איר נישט. זיי הייסן: יאַנקל, זישע, שלמה און בנימין. אָבער אַט ברענגט שוין דער שדכן אַ חתן:

„אַן אויסנאַם פון אַלע!
הייסט ער וולאַדעק. נאָר אַ צרה!
וולאַדעקס מאַמע הייסט אויך שרה,
פונקט ווי איך, זיין כלה!"

און דאָס טאָר דאָך ביי יידן נישט זיין. און ס'האַלט דערביי, אַז די נאַרישע מויד זאָל, חלילה, פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ אַריין.

און לאָמיר נאָך צום סוף זיך אָפּשטעלן אויף אַ ליד, וואָס איז באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַרן גרויסן פאָלקס-זינגער. מיר מיינען דאָ די באַלאַדע „העי, ציגעלעך!"

די דאָזיקע פערזן, וועלכע שאַפן פאַר אונדז אַ בילד פון אַ ברייטן לייוונט אין עטלעכע סטראָפן, זענען זיכער געוואָרן אויס־געשפּילט דורך אים אויף זיין פאַסטעך-פייפעלע, וועלכער איז גע־ווען דער איינציקער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, וואָס ער האָט באַהערשט.

דאָ איז ער געווען אין גאַנצן אין זיין עלעמענט, דער פאַסטעך־פאָעט, כאָטש אין וואָכעדיקן לעבן איז ער גאָר געווען אַ סטאָליער און אויסגעאַרבעט אַלמערס מיט טישן.

דאָ, ביים טייכל, רופט ער איצט צונויף זיינע ציגעלעך. די תמי־מותדיקע באַשעפענישן שטעלן טאַקע אויס די גרויסע אויגן אויף זייער פיטערער, און ס'זעט אויס ווי זיי וואָלטן זיך אויף אַן אמת צוגעהערט צו דעם צויבער-ליד, וואָס זינגט און דערציילט:

„פון אַ פאַסטעכל.....
און אַ מיידל, וואָס האָט כישוף אים געטאָן".

*

ס׳ברעכט אויס די צווייטע וועלט-מלחמה. ווען די היט־לער-אַרמייען פאַרכאַפּן קראָקע, געפינט זיך געבירטיג אין דער שטאָט, ווו ער בלייבט ביז סוף 1940. ס׳געלינגט אים דעמאָלט זיך צו ראַ־טעווען צוזאַמען מיט זיין משפחה אין דעם דערנעבן-ליגנדיקן דאָרף לאַגיעווניקי.

דאָרטן לעבט ער אונטער כסדרדיקע שרעקן. פאַראייניזאַמט און דערדריקט אונטער דער משא, פילט ער, אַז די שכינה פון שירה טוט זיך פון אים אָפּ. ער הערט כמעט אויף צו שאַפן און אין יאַנואַר 1941 קלאָגט ער זיך ביטער אין זיינס אַ ליד, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען:

„איך האָב שוין לאַנג, פון זייער לאַנג
נישט געהערט קיין פידל-קלאַנג,
נישט געזונגען, ווי כ׳פלעג גאַנץ אָפט. —
קענטיק, אַז מיין מוזע שלאָפט".

אַ פּאָר חדשים שפּעטער באַקומט ער צוריק אַ ביסל רויִקייט. ער הייבט זיך אָן איינצופונדעווען אין דער סכנהדיקייט פון יענעם לעבן, און ס׳קומט אויף אין אים דער גלויבן אין אַ באַלדיקער אויס־לייזונג. צו גלייכער צייט שטאַרקט זיך אין אים דער גלויבן אין זיין אייגענעם כוח. ער געפינט צוריק זיינע שעפערישע מינוטן, און זיין געזאַנג נעמט ווידער אָן זיין אַמאָליקן לייכט-שוועבנדיקן ריטעם. זייענדיק אָפּגעריסן פון זיין יידישער וועלט, איז געגוג, אַז אין די פאַרנאַכטן זאָל זיך צעקלינגען דאָס אָרעמע, הילצערנע קירכל פון דאָרף, אַז ס׳זאָלן אין אים אויפקומען אַזעלכע טענער:

„קלינגען די גלאָקן:
גלין-גלאַנג,-גלין-גלאַנג!
ווי ס׳וואָלט ווער זיך פרעגן:
ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג?

...קלינגען די גלאָקן:
גלין־גלאַנג־גלין־גלאַנג!
ווי ס'וואָלט ווער געענטפערט:
נישט לאַנג שוין, נישט לאַנג!"

אָבער דער דאָזיקער אָנדייט אויף אַ צוריקקומען צו זיך דויערט טאַקע ביי אים נישט לאַנג. אין אַפּריל 1942 טרייבט מען אים אַריין אין קראָקעווער געטאָ, ווו ער בלייבט שוין ביזן טראַגישן סוף.

*

אין דער אויסגאַבע „ס'ברענט!" דערשינען אין קראָקע אין יאָר 1946, געפינען מיר פיר לידער, וועלכע ער האָט נאָך באַוויזן דאָרט אָנצושרייבן. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין צוויי פון זיי באַזינגט ער דעם פרילינג:

„זון, זון, זאַנג,
טראָגט זיך אַ געזאַנג.
קינדערלעך, זייט פריילעך היינט,
זעט, די זון האָט אויפגעשיינט!"

פרילינג און קינדער, זון און געזאַנג, ליכט און פריילעכקייט. דאָס איז נאָך אַלץ געווען זיין וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך באַוועגן, און וועלכע האָט אים געגעבן פליגלען אין דער שווערסטער נויט און אין דער דריקנדיקסטער דעפּרעסיע. אָבער ס'איז אים נישט מער באַשערט געווען צו שאַפן מיט קראַפט, ווי ער איז דאָס געווען בכוח צו טאָן פריער, זיך געפינענדיק אויף דער פריי. פילנדיק זיך כסדר אין דער קלעם, זענען אים די פליגלען געוואָרן שווער און ער האָט נישט מער צוריקגעפונען זיין געטרייע מוזע פון אַמאָל.

ס'איז מיט אים נישט געשען דער נס, וואָס האָט געטראָפן מיט יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט אין לאַגער פון וויטעל אָנגע־

שריבן זיין מאָנומענטאַלן איכה פון היינטצייטיקן חורבן: זיין „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

אַוודאי איז באַוווּסט, אַז ס'האָבן אין די געטאָס און אין די לאַגערן אָפּגעהילכט די פייערדיקע טענער פון זיין מעכטיקן „ס'ברענט!" אָבער ס'איז נאָר על פי טעות אַ צייט לאַנג געווען אָנגענומען, אַז דאָס דאַזיקע ליד זאָל געבוירטיג האָבן געשאַפן אין קראָקעווער געטאָ אונטער די דייטשן.

אין דער אמתן איז דאָס ליד געוואָרן אָנגעשריבן אין יאָר 1938, נאָכן פּאָגראָם אין פשיטיק. אַ ליד, וואָס האָט מיט זיינע אימפּעטיקע ריטמען און הייסן אָטעם, ווייט אַריבערגעשטיגן דעם תחום פון דער פשיטיקער געשעעניש. ווי טרויעריק זי זאָל נישט זיין געווען, איז דאָס דאָך ביי יידן נישט געווען קיין אויסערגעוויינטלעכע דער־שיינונג, אַזאַ זאַך ווי אַ פּאָגראָם אין אַ פּוילישער שטאָט! האָט דער דאָזיקער ווייגעשריי פון פּאָעט נישט אַרויסגערופן ביים פאָלק דעם ברענענדיקן שוידער אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט ריכטן, און דאָס דאָזיקע, מאָנענדיקע קאַמף־ליד איז בשעתו אַדורך כמעט אומבאַמערקט.

איז די דאָזיקע נביאישע וויזיע, וועלכע האָט שוין דעמאָלט גע־וואָרנט פאַר דער קומענדיקער קאַטאַסטראָפע, איז זי אין יענעם מאָמענט געווען צו שטאַרק פאַרן פאָלקס־מענטש און אַריבערגע־שטיגן זיינע אינטימע שפּירונגען?

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז דאָס ליד ערשט געוואָרן אויפ־גענומען דורכן פאָלק אין קראָקעווער געטאָ, אין יאָר 1942, און פון דעם מאָמענט אָן איז „ס'ברענט!" געוואָרן דער אָנגעצונדענער פאַקל אין דער האַנט פון די קאַמף־גרופּעס אין אַלע געטאָס און לאַגערן, וועלכע האָבן מער נישט אויפגעהערט באַגייסטערט צו זינגען:

„ס'ברענט, ברידערלעך, ס'ברענט!
די הילף איז נאָר אין אייך אַליין געווענדט.

אויב דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער!
לעשט מיט אייער אייגן בלוט!
באַווייזט, אַז איר דאָס קענט!״

✶

לויט ווי ס׳גיט איבער יוסף וואָלף, איינער פון די דריי אַרויס־געבערס פון דער אויסגאַבע „ס׳ברענט!״, איז מרדכי געבירטיג דער־שאָסן געוואָרן דורך די דייטשן דעם 4טן יוני 1942.

אין דעם דאָזיקן „בלוטיקן דאָנערשטיק״ — ווי יידן האָבן אָנגע־רופן דעם טאָג פון 4טן יוני — האָבן די נאַצים אַרומגערינגלט דעם קראָקאָווער געטאָ און גענומען טרייבן די יידן צו די פראַכט־וואַגאָ־נעס, וועלכע זענען געשטאַנען גרייט זיי אַוועקצופירן צו דער מאַסן־שחיטה אין בעלזשעץ. בעת דעם דאָזיקן מאַרש האָבן די דייטשן געשאָסן פון הינטן אויף די מאַרשירנדיקע יידן. דער ערשטער איז געפאַלן דער מאָלער ניימאַן (זיין נאָענטער פריינד), און פון אַ שפּע־טערדיקער קויל איז געפאַלן מרדכי געבירטיג.

אַזוי האָט געלעבט, געשאַפן און אומגעקומען אויף קידוש־השם, איינער פון די אייגנאַרטיקסטע דיכטערס ביי יידן. אַלץ וואָס איז געווען ביי אים סובלים, האָט ער זיי אָפּגעגעבן. און דורך זיין אינ־טימער צובאַהאַפטנקייט צו זיי וועט אין זיינע שאַפונגען אייביק אָפּקלינגען דאָס געזאַנג פון זיין אומגעקומענעם פאָלק.

ס׳איז באַקאַנט, אַז אויף צו מאָרגנס נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה האָט מען אין די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע אויפגעשטעלט מאָנומענטאַלע קברים פאַר די אומבאַקאַנטע זעלנער פון די פעלקער. די דאָזיקע מאָנומענטן זענען געוואָרן ערטער פון פיעטעט, וווהין דאָס פאָלק קומט אָפּגעבן כבוד זיינע געפאַלענע זין, פון וועמען דער אומבאַקאַנטער זעלנער איז דער סימבאָל.

אונדזער געפאַלענער זעלנער איז אונדז נישט אומבאַקאַנט. מיר קענען גוט זיין נאָמען און מיר ווייסן וויל, ווער און וואָס ער איז פאַר אונדז געווען.

דערפאַר אָבער איז זיין קבר אונדז אומבאַקאַנט. און מיר וועלן קיין מאָל נישט וויסן, ווו ס׳געפינען זיך די פיר איילן ערד, וואָס האָבן זיינע רעשטלעך אויפגענומען.

וועלן מיר אים דערמאָנען אומעטום. ווייל אויף יעדן אָרט, ווו מיר וועלן זיך נאָר געפינען, וועלן מיר זיך זאָגן, אַז מיר שטייען פאַר זיין אומבאַקאַנטן קבר.

מיר וועלן דערמאָנען זיין נאָמען, ווייל באַערנדיק אים, גיבן מיר גלייכצייטיק אָפּ כבוד דעם אויסגעשאָכטענעם פאָלק, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען אומגעקומען און מיט וועמען ער איז געווען אַזוי ענג צוזאַמענבאַהאָפטן זיין גאַנץ לעבן.

אלי קובאוויצקי

(1944 — 1900)

פארצייכענונגען, טאגביכער און בריוו

אלי קובאוויצקי

פאָטאָגראַפירט אין זיין וווינונג אין 1941

1945 איז אין בעלגיע געווען דאָס יאָר פון וואַרטן. אויפן ברי־סעלער צפון־וואָקזאַל האָבן זיך, אין יענע טעג, געפלעגט צונויפ־טרעפן קרובים פון יידן, וואָס זענען דורכן אָקופּאַנט געוואָרן אוועק־געפירט אין די דייטשע לאַגערן. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן זיי דאָרט אָפּגעוואַרט די צוגן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנקומען פון דייטשלאַנד, און ס'האָבן טאַקע געפלעגט אַרויסשטייגן פון אַזאַ צוג איינצלנע אַנטרונענע פון „דאָרטן".

מען איז געווען איבערראַשט. מען האָט זיך געפרעגט: ווי איז דאָס מעגלעך? מען האָט יעדן פון זיי באַטראַכט ווי אַ לעבעדיקן וואונדער. מען האָט זיך מיט זיי געפרייט און ווייטער געוואַרט.

אָבער אין גאָר אַ קורצער צייט האָבן די ניצול געוואָרענע פון די לאַגערן אויפגעהערט צו קומען. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן בולט אַרויסצווייזן די בלויזן אינעם יישוב, ביז איין מאָל, נאָך אַ לאַנגער נאַכט, אַקעגן פאַרטאָגס, האָט עפּעס אַ לײדיקייט אַרומגענומען דאָס האַרץ, ווי אַ רייף, און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין...

און אויף יידישע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן אַ פאַרנעפּלט־קייט, וואָס האָט זיי דערווייטערט פון מענטשן. מען האָט געקענט זען אַ מאַמע, וואָס האָט פּלוצעם, אין אַ שמועס מיט עמעצן, גענומען ברעכן די הענט. דאָס האָט זי זיך נאָר־וואָס געהאַט דערוווּסט, אַז איר קינד איז אויסגעגאַנגען אין לאַגער פאַר די אויגן פון דעם דער־ציילער... און אין יידישע שטיבער האָט מען דעמאָלט געקענט טרעפן מישפּחות, וואָס האָבן זיך ערשט איצט געזעצט שיבעה... און ביי יידן איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז ס'וועלן נאָך זיין אַ סך מיש־פּחות, צו וועמען די פרייד וועט זיך קיין מאָל נישט ווידערקערן...

און דאָך האָט מען באַהאַלטענערהייט, עפּעס ווי שעמענדיק זיך פאַר אַנדערע, נאָך אַלץ געהאָפט.

אַזוי האָט מען אויך געהאַפּט אין דער משפּחה קובאָוויצקי, ווי ס'האָבן געפעלט אַ סך פון דעם יינגערן דור. ביז ס'איז איין מאָל, אין אַ ווינטערדיקן טאָג אָנגעקומען אַ בריוו פון אַנטווערפּן, געשריבן פון דעם צוריקגעקומענעם קאַצעטניק יעקב ווערנער, און אין וועלכן מען האָט געקענט לייענען צווישן אַנדערן:

„...איך האָב געקענט א. ק. אין לודוויגסדאָרפער לאַגער, וואָס ליגט נעבן נייראָדע ביי ברעסלוי. נישט ווייט פון די באַראַקן האָט זיך געפונען די פאַבריק, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט האַנט-גראַ-נאַטן. אַ זייער פיינלעכע און געפערלעכע אַרבעט, וואָס האָט געמאַכט אַ תל פון געזונט, ווייל די כעמישע שטאָפן האָבן שאַרף אָנגעגריפן די לעבנס-אָרגאַנען. א. ק. האָט נישט אויפגעהערט צו גלייבן אין ענדגילטיקן ניצחון איבער די דייטשן און האָט שטענדיק צוגעגעבן מוט די אַנדערע לאַגער-חברים.

איין מאָל האָב איך געהערט, אַז ער געפינט זיך אין אָפּטייל פאַר קראַנקע. די קראַנקע זענען געווען איזאָלירט און מען האָט זיי נישט געקענט באַזוכן. שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה וועגן זיין טויט.

איך האָב בייגעווווינט די קבורה, וועלכע איז געוואָרן דורכגע-פירט פון מיין אַרבעט-גרופּע. זיין קערפּער האָבן מיר איינגעוויקלט אין אַ טלית און געבראַכט צו קבורה אין אַ ברודער-קבר, אין וואַלד נעבן דער פאַבריק.

(ווי ס'האָט אין אויגוסט 1945 איבערגעגעבן זיין גבית עדות, דער מיטגעפאַנגענער יהודה לייב ראָזען, איז דער לודוויגסדאָרפער לאַגער נישט געווען געהיטן פון געסטאַפּאָ, נאָר פון מיליטער-לייט און דעריבער איז דער דאָרטיקער רעזשים געווען לייכטער ווי אין אוישוויץ און אַנדערע טויט-לאַגערן).

אַזוי איז אומגעקומען אין איינעם פון די ווייניק-באַקאַנטע דייטשע לאַגערן אַ ווירדיקער תושב פון בעלגיע. אַ מענטש, וואָס

איז פון זיינע יוגנט־יאָרן אָן געשטאַנען אויף די ערשטע פּאָזיציעס אין קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יידישן כבוד און, וואָס זיין אָן־פשרהדיקע אויסגעהאַלטנקייט האָט אַרויסגערופן אַכטונג, אפילו ביי זיינע פאַרביסנסטע קעגנערס.

ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון סאָציאַליס־טישן אָרגאַן אין בעלגיע „לע פעפּלע", ווו ער האָט זיך אָפּגע־רופן און שאַרף רעאַגירט אויף יעדן אָנפאַל אויף יידן אין דער פּרעסע. ער איז דעריבער אָפט פאַרשריגן געוואָרן פון די רעאַקציאָ־נערע צייטונגען, און דער נאָמען „קובאַ" (זיין פּסעוודאָנים), האָט דורך זיי געפּלעגט ציטירט ווערן בנשימה אחת מיט די נעמען פון זשעקסאָס, דע ברוקער און עמיל וואַנדערוועלדע.

אין 34סטן יאָר האָט דער פאַרלאַג „ל'עגלאַנטין" פאַרעפנטלעכט זיינס אַן אַרבעט אין פראַנצויזיש א"ט „די אַנקעטע פון די ברידער טאַראָ", ווו ער רעאַגירט מיט קראַפט אויף דער צביעותדיקער יידנ־פרעסערישקייט פון די צוויי פראַנצויזישע שרייבערס, וועלכע זענען ביז דעמאָלט אַ סך געלייענט געוואָרן צווישן יידן און פון זיי באַ־טראַכט געוואָרן ווי גרויסע יידן־פריינד.

געקומען איז ער קיין בעלגיע מיט זיינע עלטערן און מישפּחה, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד און ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער קולטור, פון וועלכער ער האָט געוווּסט צו שעפּן מיט פולע הענט. דאָס האָט אים אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט, אַז ער זאָל זיין אויפנעמעריש פאַר אַלץ, וואָס איז דערהויבן ביי די אומות העולם. די דאָזיקע געניגטקייט איז אָבער ביי אים נישט געווען אין סתירה צו זיין וואָרצלדיקער יידישקייט, וואָס ער האָט מיט־געבראַכט פון זיין היים, ווו די יידישע טראַדיציע איז געוואָרן געטריי אָפּגעהיטן. זיין יידישקייט, איז, בכן, אונטער דער השפּעה פון דער דרויסנדיקער קולטור, נאָר געוואָרן רייך־פאַרביקער און ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם אידעאַלן טיפּ פון אויטענטישן מערב־איי־ראָפּעיִשן ייד.

נאָך דער ערשטער וועלט-מילחמה, ווען אין די צוואַנציקער יאָרן, האָבן אָנגעהויבן צו קומען קיין בעלגיע יידישע פאָלקס-מענטשן פון די מיזרח-לענדער, האָט ער געזוכט זיך נעענטער צו באַקענען מיט די דאָזיקע קרייזן. דער קאָנטראַסט צווישן אַזאַ פריש-איינגעוואָנדערטן און אים איז אין אָנהייב געווען זייער אָנ-מערקעוודיק. פון איין זייט, דער אומרו פון נע ונדניק, דער נעאָ-חסידיסטישער וועלט-באַנעם פון אַ יוגנטלעכן, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דער חותם פון סלאַווישער גאָט-זוכעניש, אַדורכגעגליט מיט אַ בונטאַרישן און כמעט הפקרדיקן פרייהייטס-באַגריף פון אַ בראָ-דיאַגע, און, פון דער אַנדערער זייט, די געלאַסענע זיכערקייט פון אַן איינגעזעסענעם; די ניכטערע אָפּשאַצונג, וועלכע ווערט נישט גע-שטרויכלט פון איבערגעאיילטער ספּאָנטאַנישקייט; די געזונטע לעבנס-פרייד, וואָס פליט נישט אין די הימלען און ווייסט וואָס זי וויל.

אָבער דווקא אין די קאָנטראַסטן האָט, ווייזט אויס, געשטעקט דער אַטראַקטיווער כוח, און מען האָט אים, זינט יענע יאָרן אָן, שטענדיק געזען אין דער געזעלשאַפט פון די נייגעקומענע יידן פון די מיזרח-לענדער. ס׳איז אין די קרייזן ביסלעכווייז צעשמאָלצן גע-וואָרן זיין צוריקגעהאַלטנקייט, זיין רעזערוו. ער האָט זיך גיך אָנ-גענומען מיט זייער התלהבות, מיט זייער חסידישן ברען. ער האָט מיט זיי צוזאַמען איינגעאָרדנט קולטור-אונטערנעמונגען, אַראָפּגע-בראַכט פון פּאַריז אַרטיסטן, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך, אַגב, גע-פונען הערץ גראָסבאַרט און בלומענפעלד, ווען מען יידיש בריסל האָט דעמאָלט געהערט צום ערשטן מאָל (1922).

אָבער די השפּעה איז געווען אַ קעגנזייטיקע. ווייל די יונגע אימיגראַנטן מיט זייער שיער-נישט בראָדיאַגישן צוגאַנג צום לעבן, האָבן געהאַט אַ סך ביי אים צו לערנען.

זיי זענען געווען סענטימענטאַל, און ער האָט זיי געוויזן, אַז מען קען טיף אַדורכלעבן אַ געפיל אָן עס אַרויסצוּווייזן...

פּיקחות און פּשטות. וועד פאַרמאָגט זיי ביידן אין אַ גלייכער מאָס? די ביידע זאַכן, וועלכע זענען אין פלוג זיך סותר, זענען אָבער ביי אים געווען ווי די צוויי פּאָליוסן פון עלעקטרישער ענערגיע, וואָס ביי זייער צונויפטרעף שאַפן זיי ליכט און וואַרעמקייט.

און דאָ דאַרף מען אפשר זוכן דעם סוד, פאַר וואָס ער האָט אַפילו זיינע פּאָליטישע קעגנערס אויפגעצווונגען, אַז זיי זאָלן פאַר אים האָבן דרך־ארץ.

ווייל נאָר דער איז גאַנץ, וועד ס׳פאַרמאָגט חכמה און ס׳זיצט אין אים די פּשוטקייט פון אַ קינד.

די קליינע קינדער האָבן דאָס דערפילט ביים ערשטן קאָנטאַקט און זיך געהאַלטן מיט אים ווי מיט זייערס גלייכן.

ווייל זיין קלוגשאַפט איז נישט געווען יענע איבערשפּיצטקייט, דאָס מין מוחן זיך, דער איפּכא מיסתברא, נאָר דער קלאָרער פאַר־שטאַנד אין זיין באַהעפט מיטן טיף־מענטשלעכן, דער שכל פון הארץ, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן.

ער האָט געשריבן זיינע אַרבעטן אין פראַנצויזיש און יידיש, און אַחוץ אין „לע פּעפּלע", איז ער אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס אויף יידיש, ווי: „אונדזער ישוב" אין בריסל און „די יידישע פּרעסע" אין אַנטווערפּן. נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט, האָט ער זיך געשטעלט אין שפּיץ פון יידישן באָיקאָט־קאָמיטעט, וועלכער איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין בעלגיע.

✶

אַ בינטל טאָג־ביכער און בריוו. לאָמיר זיי אַדורכבלעטערן. לאָמיר מיט כוונה איבערלייענען די פאַרגעלטע, אָנגעלעגענע בלעט־לעך, וועלכע זענען געווען פאַרגראָבן אין דער ערד בימי היטלער, ביי אַ בעלגישן פריינד אין הויף. און נישט דורכוים כראָנאָלאָגיש.

אין מוקדם ומאוחר. ווייל יונגערהייט און עלטער-ווערנדיק, געפינען מיר דאָ דאָס זעלביקע אָפּפילן אַן אומרעכט קעגן ווען ס׳זאָל נישט זיין, ווי אַן אייגענעם פיזישן ווייטיק, אַלץ די זעלביקע קרובהשאַפט מיט דער נאַטור. אָבער אין דער צייט, ווען די ערשטע זייטלעך פון זיינע טאָג-ביכער אָטעמען מיט אַ תמימותדיקער ריינקייט, וואָס געפינט אַ טרייסט אויף הפקירות און געוואַלט, אין דער אויפלעבונג פון דער נאַטור, געפינען מיר ווייטער דעם איבערגאַנג צו אַ ראָמאַנ-טיש-בענקענדיקער דערוואַרטונג פון אַ פרייד, וואָס דאַרף קומען. ערשט אין די שפּעטערדיקע בלעטלעך דערפילן מיר די פּאַטעטישקייט פון אַ רייף-געוואָרענעם גייסט. און צום סוף בלעטערן מיר שוין דאָס העפט מיט ציטערדיקע הענט. מיר שטייען דאָ פאַר אַ פּאָר-צווייפלטן ראַנגלען זיך מיט דער ברוטאַלער געוואַלט. מיר געפינען זיך מיט אַ מאָל אַריינגעוועבט אין אַ קאָכעדיקער אַטמאָספער, וואָס טריקנט די קעל און ליימט די צונג, און ס׳ברענט דערפון דאָס פּנים, ווי אין אַ העליש פייער.

פינף און צוואַנציק יאָר פאַר דעם פאַטאַלן טאָג, ווען ער איז אַוועקגעפירט געוואָרן פון די דייטשן, הייבט ער אָן צו שרייבן זיין ערשטן טאָג-בוך. ס׳איז דאָס צווייטע יאָר פון דער ערשטער וועלט-מילחמה. די דייטשע אַרמיי האָט פאַרנומען בעלגיע און אונטער-יאָכט דאָס לאַנד. ער איז דעמאָלט אַ יינגל פון פופצן יאָר און מיט זיין גאַנצער תמימותדיקייט איז ער אויפגעבראַכט נישט בלויז אויף די געוואַלט-אַקטן, נאָר אויך אויף דער... פאַרדאָרבנקייט פון די פרויען, וואָס צוליב דער נויט, ווערן זיי געטריבן צו אויסגעלאַסנקייט. רעדנדיק וועגן די פיזישע און זעלישע נויטן פון דער באַפעלקערונג, שרייבט ער:

„יוני, 1915.

די פּראָסטיטוציע פאַרשפּרייט זיך. מען זעט בכלל טואַלעטן פון דער העכסטער עלעגאַנץ. מען זאָגט, אַז אין אַלע מילחמות איז אַזוי. מען דערקענט שוין נישט, ווער ס׳איז אַן אָרנטלעכע פרוי און ווער אַן אויסגעלאַסענע".

„15טער נאָוו׳ 1915.

...און אָט איז געקומען דער זומער מיטן וואַלד און די בלומען! מיט וויפל פרייד די זון האָט זיך צעשיינט! דער לינדער ווינט, וואָס בלאָזט צווישן די בלעטער, ברענגט אונדז צוריק אַ ביסל מוט. זעענדיק ווי די נאַטור איז פריילעך, הייבט מען ווידער אָן צו האָפן...״

ער פילט זיך אָבער אַנטוישט דערפון, וואָס די גרויסע, די דערוואַקסענע, הייסט דאָס, בלייבן גלייכגילטיק צו דער אויפלעבונג אין דער נאַטור און ער פאַרענדיקט דאָס דאַזיקע בלעטל מיט די ווערטער:

„אָ, איר גרויסע! דאָס אַלץ האָט גאָר ביי אייך נישט קיין באַדייט? צי הערט איר טאַקע נישט דאָס זיסע רוישן אין דער נאַטור: שלום, שלום, שלום?...״

און די דאָזיקע אומבאַפלעקטע ריינקייט, וואָס מיר טרעפן ביי אים אין עלטער פון זיינע פופצן יאָר, ציט זיך אַדורך זיין גאַנץ לעבן ווי אַ גאָלדענע שנור, און וועט אים נישט פאַרלאָזן ביזן סוף.

פינף יאָר שפּעטער, ציטערט ער איבער זיין דאָזיקער אָפּגעשלאָסענער וועלט, און מיט צוריקגעהאַלטנקייט שטעלט ער די ערשטע טריט אין אַ לאַבירינט, וואָס איז אים לגמרי אומבאַקאַנט. ער שרייבט וועגן דעם פּעריאָד אין זיין לעבן אַזוי:

„מיט מיינע צוואַנציק יאָר בין איך אָפּט אַרומגעגאַנגען אַליין און אָפּגעזונדערט פון מענטשן. איך האָב מיך כסדר געשלאָגן מיטן לעבן, מיט זיין רייץ און מיט זיינע פאַלשקייטן. איך האָב זיי ביידן נישט געוואָלט האָבן... אָבער דאָס לעבן האָט מיך ברוטאַליזירט מיט דער גאַנצער רויקייט פון זיין בלינדן כוח. און דאָך זענען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב געזונגען אין דער שטילער נאַכט, און מיין האַרץ האָט זיך געפרייט. איך בין געווען שטאָלץ מיט מיר אַליין. איך בין געווען גליקלעך און איך האָב געוויינט...״

נאָר אָט האָט זיך אויף זיין האָריזאָנט באַוויזן די פרוי, און אַלץ האָט זיך מיט אַ מאָל געענדערט:

„צווישן האָפענונג און צווייפל, צווישן בענקשאַפט און פילאָ־זאָפישן שמייכל, בין איך געשטאַנען ביים וואַסער און געוואַרט... דערנאָך האָב איך מיך אָפּגעריסן פון אייזערנעם אָנשפּאַר, אויף וועלכן איך בין געווען אָנגעלענט. מיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעקערט פון גלאַנציקן אויבערפלאַך פון וואַסער, און איך בין דיר אַקעגנ־געגאַנגען ווי געטראָגן פון אַ וווּנדער. שטיל און דרייסט זאָגסטו אַרום דיינע געדאַנקען, און איך רעד צעשראָקענערהייט, זוכנדיק דיך אין מיר, טראַכטנדיק וועגן דעם נס, וואָס קומט פאָר, און וועלנדיק שוין איינהאַלטן די מינוטן, וואָס גייען אַוועק...

דער וואַלד איז פּוסט און פאַרלאָזן. די ביימער זענען נאַס און קרעכצן אינעם ווינט, און אין דער לופט איז עפּעס ווי אַ פאַר־שלייערונג און אַן אומזיכערע ציטערדיקייט. איך רעד צו דיר ווי כ'וואָלט גערעדט צו מיר אַליין. און אַזוי האָט זיך פאַר מיר אַנט־פּלעקט אַ נייע וועלט.

...דערנאָך זענען מיר טאָג־ביי־טאָג מיטגעגאַנגען מיטן ווינטער און מיר האָבן אויפגעוואַכט מיטן פרילינג, מיר האָבן געזען ווי די גראָזן ווערן געבוירן און וואַקסן אויף. מיר האָבן זיך געזאָרגט פאַרן גלאַנץ פון די בלומען און פאַר דער גערעטעניש פון די תבואות און מיר האָבן מיט ציטערניש געוואַרט אויפן אָנקום פונעם זומער — אונדזער קינד.

דאָס אַלץ איז געווען ווי אַ גאָלדענער רעגן אויף אונדזערע קעפּ. די אַלע פאַרטאָגן, די אַלע מענטשן, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, ביז צו די ווייסע שוואַנען אויפן וואַסער.

עס ווילט זיך מיר זיי אַקעגן־גיין, זיי ווידער אַ מאָל זען און זיי זאָגן: איר זעט? מיר זענען נאָך אַלץ דאָ... און מיר דאַנקען אייך!...״

*

זיינע טאָג־ביכער, ווי אַלע זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, זענען געשריבן אַ מאָל אין יידיש און אַ מאָל אין פראַנצויזיש. ביידע

שפּראַכן זענען אים געווען גלייך אייגן, פּונקט ווי אין זיין יידיש־קייט, ווי געזאָגט, איז געווען פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר די גרויסע גייסטער פון די אומות העולם וועלכע ער נעמט אַריין מיט פּיעטעט אין זיין פאַנטעזיע. דער טויט פון איינעם פון זיי ברענגט אים אַריין אין צער און ער טרויערט נאָך אים אין זיינע יום־כּיפּורדיקע תּפילות...

אַזוי שרייבט ער, ווען ער דערוויסט זיך אין אַן ערב יום־כּיפּור, וועגן דעם טויט פון פראַנצויזישן גאון אַנאַטאָל פראַנס, פאַר וועמען דער 23־יעריקער אליַ האָט געהאַט אַ באַזונדערן יראת־הכבוד:

„און דער היינטיקער יום־כּיפּור קומט מיר פאַר ביטערער, שוואַרצער... און אויב איך וועל געפינען מיין תפילה, וועל איך זי זאָגן מיט דער גאַנצער פרומקייט פון די צווייפלערס! און איך וועל זי זאָגן פאַר די אַלע, וואָס האָבן קיין תפילה נישט, וועלכע זענען איצט רויִק און נישט צעשטורעמט ווי איך. רויִק און דערפאַר נאָך מער אומגליקלעך...”

די צעשטורעמטקייט צוליבן טויט פון אַ נישט־יידישן שרייבער גיסט זיך ביי אים צונויף מיט דער פאַרכטיקייט פון אַ יום־כּיפּור. דעמאָלט איז עס נאָך, ווי ער דריקט זיך אויס, די „פרומקייט פון די צווייפלערס”. מיט יאָרן שפּעטער וועט דאָס אויסזען נאָך מער פּאַראַדאָקסאַל און וועט פון דעסטוועגן נאָך זיין אינערלעך־פאַר־טיפטער. ס׳וועט זיין די גלייביקייט פון אַ פרייען גייסט, וועלכע וועט זיך דערהייבן ביז צו אַן עפּישער טראַגיק. אָבער דעם מאָמענט געפינען מיר ערשט אין זיין טאָג־בוך, וואָס ער הייבט אָן צו שרייבן נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילחמה:

8טער אָקטאָבער 1940.

...היי־יעריקן ראש־השנה האָט מען געדאַוונט ביי די עלטערן אין הויז. דער טאַטע ליגט קראַנק זינט צען טעג און, ווי ס׳זעט אויס, שוין אויף שטענדיק.

ס׳הערשט אַן אָנגעווייטיקטע און אַ טיף־גערירטע אַטמאָספער.

האַלב צען אין דער פרי קומט ער אַרויס פון זיין צימער, אָנגעלענט אויף דער קראַנקענפלעגערין און אויף איינעם פון דער מישפחה. ער שלעפּט זיך קוים צו ביזן פּאָטעל, און בשעת זיין עלטסטער זון טוט אים אָן דעם טלית, וויינט ער שטילערהייט ביי דער צערודערט־קייט פון אַלע פאַרזאַמלטע.

דער פּאָטער באַקומט מפטיר. די עמאָציע נעמט אונדז אַרום און פאַרקוועטשט אונדז דעם האַלדז, ווען, זיצנדיק אין זיין פּאָטעל, זאָגט ער וואָרט־ביי־וואָרט חנהס תפילה. ער שלוכצט ביטער און קען קוים אַרויסברענגען די ווערטער פון מויל. מיר אַלע וויינען מיט אים מיט. אין מיין ווינקל פיל איך מיך אין גאַנצן פאַרלוירן. מ... וועלכער שטייט נעבן מיר, כליפּעט ווי אַ קליין קינד, האַלטנדיק דעם קאָפּ טיף פאַרגראָבן אין זיין טלית.

קיין מאָל האָבן מיר נאָך נישט איבערגעלעבט אַזאַ שעה, וואָס זאָל זיין אַזוי שניידיק און צו גלייך אַזוי וויטיקלעך־דערהויבן. אָבער די דאָזיקע נאָבלקייט און דער שניידיקער וויטיק וועלן זיך נאָך העכער דערהייבן, ווען מיין ייִנגערער ברודער שמעון וועט זיך שטעלן דאַוונען מוסף געטריי לויטן נוסח פון פּאָטער.

דאָס איז אַ שעה, וואָס מען קען נישט באַשרייבן. זיצנדיק אין זיין פּאָטעל, פאָלגט דער פּאָטער נאָך מיט דער טיפסטער גערירט־קייט די אויספירונג פון זיין ווערק דורך איינעם פון זיינע זין; דאָס ווערק אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט לאַנגע יאָרן. (ר׳ אַברהם צבי קובאָוויצקי ז״ל איז געווען חזן אין בריסל און ער האָט אַליין געשריבן קאָמפּאָזיציעס פאַר תפילות פון די ימים־נוראים און אַנ־דערע יום־טובים).

ס׳זעט אויס, ווי ער וואָלט בייגעוווינט אַ געזעגענונג־פייערלעכ־קייט, וואָס איז איינגעאָרדנט לכבוד אים; אַ געזעגענונג אויף אייביק... און איינציייטיק אַ פייערונג פון דעם 50־יעריקן יובל פון זיין חזנישער קאַריערע״.

די דאָזיקע פּאַטעטישע פרומקייט איז נישט ביי אים קיין פאַראיבערגייענדיקע שטימונג, נאָר אַ באַזונדערקייט פון זיין אינדיווידואַליטעט און מיר וועלן זיך נאָך אויף איר אָנטרעפן אין אַנדערע ערטער פון זיין טאָג־בוך.

יולי 1940. זייענדיק אַנטלאָפן פאַר די דייטשן, לעבט ער איבער די ביטערסטע אַנטוישונגען אין אַ פראַנצויזיש גרענעץ־שטעטל. די טומאה שפּרייט זיך אויס אין די לענדער פון אייראָפּע. אויף יידן טייטלט מען שוין מיט די פינגער. און... — אל תדין... — מער ווי איינעם ציטערט אַדורך אַ געדאַנק: פאַר וואָס בין איך געבוירן געוואָרן דאָס, וואָס כ׳בין?...

צוזאַמען מיט פרוי און קינד קומט אלי אָן קיין פּאַריז. אין דעם גרויסן כרך, האָפט ער, וועט מען זיך אפשר גיכער קענען אַן עצה געבן. און אָט איז אַ בלעטל אין זיין טאָג־בוך פון יענע טעג:

„פּאַריז, שבת־צו־נאַכטס, 20סטער יולי 1940.

היינט פאַרנאַכט בין איך געווען אין דער סינאַגאָגע. אין גרויסן זאַל דאַוונט מען מנחה. ביים אָנבליק פון דער ספר־תורה, וואָס איז איינגעהילט אין איר פורפור־מענטעלע, גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לייב: אָט איז זי דאָך, די תורה, וואָס איז די סיבה פון אַלע אונדזערע אומגליקן! זאָל זי זיין געבענטשט און געטייערט! און מיט אַ פאַרטאָפּלטער כוונה הער איך מיך צו צום בעל־קורא, בשעת ער לייענט די סדרה פון דער וואָך”.

און דאָס דאָזיקע עטיש־רעליגיעזע געפיל, וואָס אַנקערט טיף אין זיין אינערלעכקייט, וועט אים קיין מאָל נישט פאַרלאָזן. עס וועט אים באַגלייטן אין אַלע זיינע אַפּיקורסותן. און ביזן טראַגישן סוף וועט אין אַלע זיינע טראַכטונגען אַדורכשטראַלן דאָס וואָר־גלייביקע פון דעם מענטשלעכן אין מענטש.

לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז ווי ס׳דערציילן זיינע לעבנגעבליבענע לאַגער־חברים, האָט ער מיט זיין תנ״כל קיין מאָל זיך נישט געשיידט.

ער פלעגט זיי דערמאָנען יעדעס מאָל, ווען ס'איז געווען אַ יום-טוב, און ווען ס'איז אויסגעפאַלן יאָרצייט נאָך זיין פאָטער, האָט ער זיך געמיט צונויפצוזאַמלען אַ מנין.

אים וועט גאָרנישט זיין פאַרשפּאָרט געוואָרן. אַחוץ דער פּיין, וואָס ס'איז דעמאָלט יעדן ייד אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן, לעבט ער נאָך איבער די ביטערע אַנטוישונג פון „זיין" פראַנקרייכס געפאַלנקייט..

אין מאַי 1940, ווען די דייטשן באַפאַלן בעלגיע, לאָזט ער זיך מיט פרוי און קינד קיין פראַנקרייך. אַ חודש שפּעטער געפינט ער זיך אין אַ פויערישער ווירטשאַפט, אין דאָרף סען-פּיער-ברוק. דאָס לאַנד זעט אויס צו זיין צעפּרעסן פון אינעווייניק און זיינע מאַכטהאָבערס לאָזן זיך אַראָפּ אין דער בלאָטע און לעקן די שטיוול ביים זיגער פון טאָג.

דאָנערשטיק, דעם 27סטן יוני, שרייבט ער אין זיין טאָג-בוך:

„איך האָב נאָר-וואָס אַדורכגעלייענט די וואָפנשטילשטאַנד-באַדינגונגען און מיט וואָס בין איך דען בכוח אויסצודריקן מיין חרפּה-געפיל און עקל? איך האָב געהאָלפן דעם ה' לוף (זיין גאַסטגעבער) רייניקן די קאַנאַליזאַציע-רערן. מיט אַ געפיל פון קרענקלעכן געגנוס, האָב איך אַריינגעטאָן מיינע הענט אין דער פעטער ערד און אין דער צואה, מיט וועלכער זי איז געווען אַדורכגעמישט, און ערשט דערנאָך האָב איך מיך געפילט ווי געריייניקט פונעם עקל, וואָס ס'האָט אין מיר געהאַט אַרויסגערופן דער דאָזיקער דאָקומענט".

*

נאָך דער פראַנצויזישער קאַפּיטולאַציע קערט ער זיך צוריק קיין בעלגיע. ס'געדויערט נישט לאַנג און ס'הייבן זיך אָן צו שיטן אויף יידישע קעפּ די גזירות פון אָקופּאַנט. מען רופט יידן „אויף אַרבעט", און מען כאַפּט יידן אין די גאַסן. די ערד וואַקלט זיך אונטער די פיס. ער שרייבט דעמאָלט אַריין אין זיין טאָג-בוך:

„מיר פאַלן, מיר פאַלן, אָבער מיר געפינען זיך איצט אין אַ צושטאַנד פון איינעם, וואָס שוין נאָכן פאַלן, זייענדיק צווישן הימל און ערד, האָט ער נאָך די ערד נישט דערגרייכט".

און אין זייטל פון 16טן אויגוסט 1942 לייענען מיר :

„דאָס מאָל עפנט זיך אַ נײַ קאַפּיטל אין אונדזער עקזיסטענץ. אונדזער אַלעמענס פיזיש לעבן שטייט אין קאָן".

„די גאַנצע מישפּחה, ווי אַנדערע יידישע מישפּחות, ווערט איצט געמינערט, אויסגעוואָרצלט און געוואָרפן אויף אַלע ווינטן. שוין האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. די צאַרטע ליזעט, (זיין עלטערן ברודערס טאָכטער) איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן צוג, ווען זי האָט געפּרוּווט צו פאַרלאָזן בעלגיע; אַנאַ (זיין שוועסטער) איז שוין געוואָרן אויפגעפאָדערט זיך צוצושטעלן קיין מאַלין (דער זאַמל-לאַגער פאַר יידן), זי, יוסף און גיטעלע (אַ קינד פון פופצן יאָר!). „זיי מוזן זיך צושטעלן מאָנטיק, דעם 17טן. די גאַנצע מישפּחה גייט זיך איצט באַהאַלטן. ס'איז דער אָנהייב פונעם סוף".

„17טער אויגוסט 1942.

אין דער שטאָט גייען אָן די געיעגן אויף יידן... קליינע אויטאָמאָבילן פאָרן אַרום, כאַפּן יידן און פאַרשלעפּן זיי קיין מאַלין... און דאָ איז פון ערגעץ נישטאָ קיין הילף".

דאָס איז געווען די צייט פון די טרויעריק-באַרימטע „ליסטעס", ווו ס'זענען געווען אויסגערעכנט די מישפּחות, וועלכע זענען געוואָרן אויפגעפאָדערט זיך צוצושטעלן „אויף אַרבעט" קיין מאַלין. ס'זענען נאָך דעמאָלט אָנגעגאַנגען אינטערווענצן פאַר איינצלנע, וואָס האָבן געהאַט עפּעס אַ זכות. ס'האָבן נאָך אין די טעג געגאָלטן פּראָטעקציעס אויסצולייזן אַ פאַרמישפּטן. ס'איז געווען געווענדט, צו וואָס פאַראַ נאַציאָנאַליטעט מ'האָט מלוכהש אָנגעהערט. אויך האָט איינער געקענט ווערן אָפּגעראַטעוועט, ווען ער האָט געקענט באַווייזן, אַז ער איז נייטיק פאַר דער חברה קדישא, צי פאַר אַן אַנדער

אינסטיטוציע פון רעליגיעזן כאַראַקטער. יידן זענען אַרומגעלאָפן פּרצווייפלטע און געזוכט זיך צו ראַטעווען דורך אַזאַ וועג.

געפינען מיר אין זיין טאָגבוך פון 28סטן אויגוסט די פאָלגנ־דיקע שורות:

„איך האָב מיך נעכטן צעווערטלט מיט ר... צוליב מיין אַרומ־שטעלן זיך פאַר שעפסן. ש. איז פאַר מיר אַ סימבאָל. דאָס איז דער ייד, וואָס האָט לגמרי נישט ווער ס'זאָל זיך פאַר אים אָננעמען. דער אַפּאַטריד. דער, וואָס האָט אפילו נישט קיין אָרגאַניזאַציע, צי אַזוי עפּעס אַ חברה, צו וועלכער ער זאָל זיך קענען ווענדן. און דווקא דערפאַר פאַרטיידיק איך אים מיט אַזויפיל עקשנות".

אין זעלביקן טאָג שרייבט ער נאָך ווייטער:

„נייע ליסטעס האָבן זיך ווידער אָראָפּגעלאָזט אויף בריסל. אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי טעג זענען אַן ערך צוויי טויזנט יידן געוואָרן אויפגעפאָדערט זיך צוצושטעלן. אָבער מען נעמט די אויפ־פאָדערונגען נישט מער אויף מיט דער אייגענער צאַפּלעניש ווי פריער. אַ טייל יידן זענען רעזיגנירט. אַנדערע זענען פעסט אַנט־שלאָסן זיך צו באַהאַלטן פאַר יעדן פרייז".

זיין קולט פאַר כיבוד־אָב איז געגאַנגען געפּאָרט מיט זיין ליב־שאַפט צום קינד. דאָס איז אין יענע טעג דער כוח, וואָס דערהייבט אים איבער אַלע נויטן. דאָס גיט אים די קראַפט צו קענען דערהאַלטן אַ נאָבעלע גלייכגעוויכט אין דער פאַרלוירענער פּאַניק־שטימונג, וואָס רינגלט אים אַרום פון אַלע זייטן.

אין דאָזיקן סוף־זומער 1942 איז יידיש בעלגיע איינגעטונקט אין אַ געדיכטן נעפּל. יידן ווערן ווייטער אויפגעפאָדערט זיך צוצו־שטעלן. אָבער די דייטשן וואַרטן מער נישט ביז איינער וועט קומען „מיטן אייגענעם ווילן", נאָר זיי מאַכן אָבלאַוועס אין די גאַסן און אין די הייזער. יידן לויפן מאַסנווייז זיך באַהאַלטן ווו מען קען נאָר. די בהלה איז גרויס. די לופט ברענט ממש און שטיקט אין האַלדז!

און אין דעם צושטאַנד, ווען דאָס האַרץ וואַרפט זיך צווישן צער און אומרו, פייערט אלי דעם יום-טוב פון דרייצנטן געבוירן-טאָג פון זיין טעכטערל מרים. אָט איז דאָס זייטל פון 30סטן אויגוסט:

„איך האָב היינט געמאַכט אַ שטיקל יום-טוב צו פייערן מרימס דרייצן יאָר. זינט אַ וואָך צייט פרייט זי זיך שוין מיט דער פּערספּעקטיוו פון דאָזיקן יום-טוב. די צופרידנקייט פון געדאַנק, אַז דאָס איז פאַר אירעטוועגן, און די נאַיווע פרייד פון דער קינדערשער נשמה האָבן איר פאַרשאַפט עטלעכע גליקלעכע טעג. און נישט געקוקט אויפן טרויער, וואָס מיר לעבן איצט אַדורך, האָב איך נישט געוואָלט, אַז מיין מיידעלע זאָל זיין באַרויבט פון דער דאָזיקער פייערלעכקייט.

קיין זאַך צעשעדיקט נישט אַזוי אַ קינד ווי דאָס געפיל, אַז מען איז לגבי אים באַגאַנגען עפּעס אַן עוולה. קיין שום זאַך איז נישט אַזוי שעדלעך, ווי איינצופלאַנצן אין האַרץ פון אַ קינד דאָס ביטערע געפיל פון האָבן געליטן אַן אומרעכט. כדי דאָס אויסצומיידן, האָב איך, נישט-קוקנדיק אויף גאָרנישט, געמאַכט דעם דאָזיקן יום-טוב".

דריי טעג שפּעטער געפינט ער אַ ציטווייליקע באַהעלטעניש ביי אַ בעלגישן פריינט. ס'איז דער צווייטער סעפּטעמבער.

„...ראָזע און מרים זענען אַוועק צו דער מישפּחה דעטאַנדט, וווהין איך דאַרף ערשט צוקומען שפּעטער. איך בין אָנגעקומען קעגן זיבן אַזייגער אָוונט. מען האָט אונדז זייער פריינטלעך אויפגענומען. מען האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ שטיבל אין דער נידער פּאַר אַ קיך און אַ דאַך-שטיבל צום שלאָפן. ס'איז, דעם אמת געזאָגט, נישט באַקוועם, אָבער מען פילט זיך דאָ זיכער און דאָס איז דאָך דער עיקר".

5טער סעפּטעמבער.

„אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק איז פאָרגעקומען אין בריסל אַ ריזן-אָבלאַווע. דער דרום-טייל פון שטאָט איז

געוואָרן אָפּגעשלאָסן און הונדערטער יידן זענען געוואָרן אַרויסגע־נומען פון די בעטן. גרוילעדיקע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט. זיי האָבן איבערגעשטיגן אין זייער גרויזאַמקייט אַלץ, וואָס די אַנטי־היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט ביז־אַהער באַקאַנטגעמאַכט. די שוועסטער פונעם דאָקטאָר (זיין שוועסטערס מאַן), איר מאַן און זייער קינד פון פינף חדשים זענען געוואָרן אַוועקגעפירט".

7טער סעפּטעמבער.

„מיר שווימען אַרום אין דערדריקטקייט און שרעק! קיינער שלאָפט נישט מער ביי זיך. מען עסט נישט דאָרט ווו מען שלאָפט. אין אַנטווערפּן איז נאָך ערגער! יידן האָבן דאָרט אויפגעהערט אַרויסצוגיין אין גאַס. אַזוי באַלד ווי ס'ווייזט זיך אַזאַ ייד אויף דער ליכטיקער שיין, דערקענט מען אים און ער ווערט אויפגעכאַפּט ווי אַ משוגענער הונט. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס בעסטע אָרט פאַר איר וואָלט איצט געווען נעבן פאָטער. און אונדזער אַלעמענס אָרט? ווער פון אונדז ווינטשט זיך דען נישט דעם טויט?"

11טער סעפּטעמבער.

„...איך בין געווען אין דער סינאַגאָגע פון רי דע טהי מיר צו ברענגען דעם טלית. דערזעענדיק אין דעם שולעכל די ריינע, ווייסע צווענגען... האָב איך דערפילט אַ מוראדיקן קלאַפּ אין האַרצן. איך בין דערנאָך געווען ביי דער מאַמען אין אָרעמען צימערל, ווו ס'געפינט זיך איר בעט און גאַז־מאַשינקע. זי האָט גראָד געבענטשט ליכט...

איך האָב געמאַכט קידוש אין קעגנוואַרט פון דער מישפּחה העלמאַן און גדולה, וואָס איז איצט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געבליבן אַליין, צעשיידט פון אירע עלטערן, ברידער און שוועסטערן. אַ יתומה פון אַ נייעם מין" (זיי זענען אַלע שוין געווען דעפּאָרטירט).

12טער סעפּטעמבער.

„היינט גייט אַוועק אַ טראַנספּאָרט פון מאַלין קיין פוילן. אין דעם צוג געפינט זיך הרב פּישל געלערנטער און זיינע קינדער. מענדל

קאַנטאָר — אַ ייד פון דריי און זיבעציק יאָר — דער התלהבותדיקער פרומער ייד יואל און נאָך און נאָך אַנדערע מאַרטירער".

24סטער סעפּטעמבער.

„...נעכטן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס פּאָר-פֿאָלק טערקל-טויב, וואָס יעדער פון זיי איז אַלט פינף און זיבעציק יאָר, איז גע-וואָרן אַוועקגעפירט. מיר געפינען זיך נאָך אַלץ ביי דער מישפחה דעטאַנדט. מיר האָבן תחילת געמיינט, אַז מיר וועלן זיך ביי זיי אויפהאַלטן בלויז עטלעכע טעג, און דאָ איז שוין באַלד אַדורך אַ חודש, און מיר ווייסן נישט וואָס ס'וועט ווייטער זיין".

29סטער סעפּטעמבער.

„אויב ס'וועט אַ מאָל עמעצער פּרוּוון, לויט די דאָזיקע נאָטיצן, זיך אויסמאָלן אַ בילד פון אונדזערע היינטיקע שטימונגען און עמאָ-ציעס, וועט דאָס פאַר אים זיין אַן אוממעגלעכע זאַך. די ווערטער פון דער מענטשלעכער שפּראַך, וואָס דאַרפן אויסדריקן די טויט-שרעקן, צעטראָגנקייטן און נשמה-פּיינען אונדזערע, זענען לגמרי אָן אינהאַלט און אויסגעהוילט פון יעדן זין אין שייכות צו דעם, וואָס מיר לעבן איצט איבער.

מיר זענען אַריבערגעגאַנגען די מאָס פון די מענטשלעכע גע-פילן. מיר לעבן אַנדערש און אויף גאָר אַן אַנדער אופן פילן מיר, ליידן מיר. אַלע עמאָציעס, וואָס מיר האָבן אַדורכגעלעבט אין די לעצטע צוויי חדשים, האָבן אָפּגעזעצט אין אונדזער האַרץ עפּעס אַ מין געפרווירנקייט, וואָס איז גורם, אַז דער גאַנצער מעכאַניזם פון אונדזערע שפּירונגען און עמפינדונגען איז אַדורכגעקרייצט מיט אַנ-דערע שטראָמען ווי די פון נאָרמאַלע באַשעפענישן".

30סטער סעפּטעמבער.

„געווען היינט באַזוכן דעם עלטערן ברודער אין זיין באַהעל-טעניש. צוריקוועגס האָב איך געזען אַ מחנה שוואַלבן, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פליען צו מילדערע הימלען. קוקנדיק אויף די

קליינע הייזקעס פון דער פאַרשטאָט מיט די ציכטיקע פאָרהענגלעך פאַר די פענצטער, האָב איך ווייטיקלעך מקנא געווען די זיכערקייט, וואָס האָט פון דאָרט אַרויסגעוויעט: קענען לעבן אין אַזאַ שטיבעלע אָן שרעק, שלאָפן רואיקע נעכט, וואָס פאַרא גליק!״

✶

מיט די ווערטער פון אַ תהומיקער נאָסטאַלגיע ענדיקט זיך, אָדער בעסער געזאָגט, ווערט איבערגעריסן דער טאָג־בוך פון אלי קובאָוויצקי. דריי טעג שפּעטער, פרייטיק, דעם דריטן אָקטאָבער, פאַרהאַלט מען אים אין גאַס. מען פירט אים אָפּ אין מאַלינער זאַמל־לאַגער, פון וואַנען ער ווערט אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד דעם עלפטן אָקטאָבער 1942.

וואָלט ער געזעסן אין זיין באַהעלטעניש, וואָלט ער נישט אַריינגעפאַלן אין דער נעץ. ער האָט אָבער נישט געקענט זיך באַגנו־גענען מיט זיין אייגענער זיכערקייט און כסדר אַרויסגעגאַנגען פון זיין שוץ־אָרט. געזוכט צו העלפן, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. ער האָט דאָס געטאָן פאַרן טייערסטן פּרייז, וואָס אַ מענטש קען באַצאָלן, פאַרן פּרייז פון זיין אייגן לעבן.

✶

פון מאַלינער לאַגער געלינגט אים אַרויסצושיקן אַ בריוו צו זיין מישפּחה. ס׳איז מאָנטיק, 5טער אָקטאָבער:

„...ליבע מאַמע, מיין האַרץ איז נעבן דיר. זיי שטאַרק, וויין נישט. ליבע פרוי, פאַרליר נישט דעם מוט. אונדזער לאַגע איז די זעלביקע ווי פון מיליאָנען מענטשן. פאַרליר דיך נישט. פאַרגעס נישט, אַז דו מוזסט ווייטער דערציען אונדזער קינד. זע, אַז דו זאָלסט מיטן קינד קענען דעם ווינטער בלייבן ווו דו ביסט. שפּייז דיך מיט מיין זיכרון ווי איך וועל מיך שפּייזן מיט אייערן.

ליבע מירעלע, איך קוש דיך. זיי מוטיק ווי דיין קוזינע! לאָז דיין מאַמען נישט וויינען, לאָז דיין באָבען נישט וויינען, און דו אויך, וויין נישט! מיר וועלן זיך איינגיכן זען. זאָל זיך מיין עלטערער ברודער אָפּט זען מיט דער מאַמען, כדי זי צו טרייסטן".

דאָנערשטיק, דעם 8טן אָקטאָבער, געלינגט אים אַרויסצושיקן פון לאַגער אַ צווייטן בריוו, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן:

„ליבע מישפּחה, איך בין שוין דאָ זעקס טעג. איך האָב אַ סביבה, גוטע פריינט, מיט וועמען איך פאַרברענג צוזאַמען. דער יידישער בטחון איז נישט געבראָכן. ליבע מאַמע, ליבע ראָזע, ליב קינד! לאָזט אייך נישט צו קיין מרה שחורה און לעבט אַזוי ווי פריער. זייט ווייסן, אַז ביי אונדזערע „באַשיצערס" איז נישטאָ קיין שום סיסטעמאַטישע אַקציע. זיי ווייסן נישט פון קיין פאַמיליע-פאַר-בינדונגען, און קיינער פון אייך איז צוליב מיר נישט באַדראָט. ס'איז נישטאָ ביי זיי קיין אָרדענונג. זיי כאַפּן און ווייטער ווייסן זיי גאָר-נישט. העלפט אייך צווישן זיך. מיר וועלן זיך נאָך צוריק זען אין פריידן".

און אָט שרייבט ער אַ לעצט קאַרטל פון מאַלין, וואָס ער וואַרפט אַרויס פון צוג, און אַן אומבאַקאַנטער מענטש געפינט און באַלייגט עס אויף דער פּאָסט:

„שבת פרי. מיר זענען פאַרזאַמלט צום אָפּפאָר. מען גייט אַוועק מיט אַנטשלאָסנקייט און מען פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ. אַלעמען צום ווידערזען! זאָלן ראָזע און מירעלע זיין געשטאַרקט און רואיק און קיינמאָל נישט פאַרלירן די האָפענונג! זאָל די וואַרעמקייט פון אונדזערע פריינט זיי אַרומרינגלען! אַ דאַנק! אַ דאַנק!"

*

געווערכט-זיין, דאָס איז געווען דער פלאַן, צו וועלכן ער האָט זיך געצויגן זיין גאַנץ לעבן. ווי מיר האָבן אויבן געזען, שאַנע-וועט ער נישט קיינעם פון זיינע פריינט, ווען ער זעט, אַז יענער

באַגייט אַן אומרעכט. אָבער ער ווענדט אָן די אייגענע שטרענגע מאָס אויף זיך אַליין. און ווער קען אָנצייכענען די גרענעץ צווישן אַ ווילן צו זיין גערעכט און צווישן דער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַן אָח לצרה?

דעריבער ווילן די, וואָס האָבן אים געקענט, זיך נישט וווּנדערן אויף דעם, וואָס עס דערציילט וועגן אים יעקב ווערנער, וועלכער איז צוזאַמען מיט אים געווען אין לאַגער.

אַ פּאָר טעג פאַר אליס קראַנק ווערן — דערציילט י. וו. — האָט מען אים געהאַט באַשטימט אויף אַ לייכטערער אַרבעט: צו שטיין ביי דער וואָג, אויף וועלכער מען האָט געוווגן די מאַטע־ריאַלן, וואָס זענען געווען נייטיק פאַר דער פאַבריקאַציע. אלי האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט לטובת אַן אַנדערן חבר, ווייל ער האָט איינ־געפונען, אַז יענער געפינט זיך נאָך אין אַן ערגערן צושטאַנד ווי ער.

און דער בריסעלער תושב מ. טענענבוים, וועלכער איז אויך געווען מיט אלין אין לודוויגסדאָרפער לאַגער, גיט איבער פאָלגנ־דיקן פאַקט:

די דייטשן האָבן אַ מאָל פאַרמישפּט אַ קאַצעטניק צו שמיץ און פאַראָרדנט, אַז אלי, זאָל אויספירן דעם פסק־דין. באַמערקנדיק אָבער, אַז אלי „געגנאַרט אָפּ", אַז ער „מאַכט זיך" בלויז ווי ער וואָלט געשלאָגן, האָבן זיי דערפאַר אלין אַליין דערלאַנגט קלעפּ מיט זייערע אייגענע הענט.

פון לודוויגסדאָרפער לאַגער געלינגט אים דורך אומוועגן צו באַזאָרגן דריי קאַרטלעך צו זיין פרוי און קינד אין בריסל. די קאַרט־לעך, וועלכע זענען אונטערגעשריבן: ע. מיריאַמס, (אלי, דער פאָטער פון מרימען) זענען אַדרעסירט צו אַ בעלגישן פריינט, בירוועניש, וועלכער באַזאָרגט זיי צו דער מישפּחה.

אין ערשטן קאַרטל, דאַטירט פון 22סטן יוני 1943, שרייבט ער צוו' אנדערן:

„איך האָף, אַז איר זענט אַלע געזונט און, אַז איר לעבט מיט האָפענונג. עס קומט אַ בעסערע צייט פאַר אונדז אַלע. זאָלן די מאַמע, ראָזע און מירעלע זיין זיכער אין דעם און לעבן מיט בטחון".

אין קאַרטל, וואָס איז דאַטירט פון 29סטן סעפּטעמבער, שרייבט ער:

„...די אומגליקן, פון וועלכע די וועלט ליידט אַצינד, וועלן זיך אין גיכן ענדיקן. דערווייל מוז יעדער ווירדיק אויסטראָגן זיין חלק פיין".

דאָס לעצטע קאַרטל, דאַטירט פון 30סטן אָקטאָבער 1943, ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„...מיר קענען מיט זיכערקייט גלייבן, אַז ס'קומען בעסערע צייטן פאַר אונדז אַלע".

אַזוי האָט ער אין די ייאוש-וועקנדיקסטע באַדינגונגען נישט אויפגעהערט צו גלייבן. אין די שווערע טעג פון 40סטן יאָר, ווען אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין פאַרלוירן, ווען אַלץ האָט זיך געבראָכן אונטער דער ברוטאַלער איבערמאַכט פון שונא, האָט ער אין זיין אומבאַגרענעצטן יידישן בטחון פעסט געגלויבט אין דער שעה פון אויסלייזונג. צוריקמישנדיק זיין טאָג-בוך, געפינען מיר אויף דער זייט פון 9טן יולי 1940 די פאָלגנדיקע שורות:

„...אויב ס'איז דאָ אַ גערעכטיקייט און אַ גאָט אויף דער וועלט (און אין דעם איז דאָך ביי אים קיין ספק נישט געווען), מוז קומען די שעה פון פאַרגעלטונג! איך וואָלט נישט געוואָלט שטאַרבן פריער, איידער צו האָבן געזען אויפגיין דעם דאָזיקן טאָג!"

און מען קען זאָגן, אַז הגם ער האָט דעם טאָג נישט דערלעבט, האָט ער אָבער נאָך זוכה געווען צו זען אויפגיין די מאָרגן-רויטקייט פון דאָזיקן טאָג.

אָבער די פרייד אים צו זען אין זיין גאַנצן שטראַליקן גלאַנץ,

צו זען זיינע נאָענטסטע אויף דער וועלט, צו זיין ווידער אַ פרייער מענטש, די דאָזיקע פרייד איז אים נישט געווען באַשערט. די אַרבעט אין לאַגער פאַרצערט זיין לעצטע לעבנסקראַפט. די לעצטע טעג געפינט ער זיך אין קראַנקן-באַראַק און ער מיידט אויס אַ סעלעקציע" אַ דאַנק דער סאָלידאַריטעט פון די פריינט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין לאַגער. ער איז מצווה זיינע לאַגער-חברים ראָזען און סקולסקי, אַז זיי זאָלן איבערגעבן דער מישפחה וועגן זיין טויט. און אין די ערשטע טעג פון חודש מערץ 1944 איז אלי קובאָוויצקי נישט מער געווען צווישן די לעבעדיקע.

ס'וועט מיר שטענדיק בלייבן פריש אין זיכרון דער נאָכמיטאָג, ווען מיר זענען געגאַנגען הינטער דער שטאָט אויפן שאָטנדיקן „וועג פון די זיבן לינדביימער".

דאָס איז געווען אָנהייב אַפּריל 1942. ס'איז געווען די צייט, ווען די דייטשע אָקופּאַציע-מאַכט אין בעלגיע האָט לגבי יידן געשפּילט די ראָל פון אַ „מלכות חסד" די ביז-דעמאָלטיקע אַנטי-יידן-פאַראָרדענונגען האָבן געהאַט אַן „אומשולדיקן" כאַראַקטער. יידן האָבן טאַקע נישט געטאָרט זיך ווייזן אין גאַס נאָך אַכט אַזייגער אָוונט, אָבער זיי האָבן געמעגט אַרויסגיין פון שטוב דעם איבעריקן טייל פון טאָג. אויף זייערע אידענטיטעטס-קאַרטן איז שוין דעמאָלט געלעגן דער סטעמפּל „זשוויף", אָבער זיי האָבן נאָכנישט גענדאַרפט טראָגן די געלע לאַטע. פאַרן איינגאַנג פון זייערע געשעפטן איז שוין געהאָנגען די אויפשריפט „יידיש געשעפט", אָבער זיי זענען נאָך נישט געווען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון זייערע פרנסות. דערפאַר אָבער זענען די גזירות געקומען אַזוי אָפט, אַז מען האָט געקענט זיכער זיין, אַז ס'וועט זיך ביי דעם נישט אָפּשטעלן. אונדזער פילבאַרע הויט האָט געפאַנט די בייטש, וואָס איז געווען גרייט יעדע רגע זיך אַראָפּצולאָזן מיט איר גאַנצער שלאָג-קראַפט. מיר האָבן שוין דעמאָלט געפילט די שנור פון קרומען קרייץ, ווי זי וויקלט זיך קעציש אַרום אונדזער האַלדז. און אלי האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף בייצייטנס זיך באַזאָרגן מיט אַ באַהעלטעניש.

האָט געוווינט הינטער בריסל אונדזערם אַ באַקאַנטער, אַ פּראָ־טעסטאַנטישער גלח, וועלכער האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן בעלגיע, און יענעם טאָג זענען מיר טאַקע געגאַנגען אים פאַרלייגן איבערצו־נעמען זיין ווילע.

מיר האָבן אָבער דעם גייסטלעכן נישט מער געטראָפן. דאָס טויער איז געווען פאַרמאַכט אויף אַלע שלעסער, און ס׳האָט אויס־געזען ווי ער וואָלט שוין געווען פאַרלאָזט די שטאָט. אויף אונדז האָט זיך דאָס אָפּגענומען ווי אַ שלעכטער אָנזאָג... און מיט שווערע הערצער, האָבן מיר זיך געלאָזט אויף צוריק.

אויפן וועג האָבן מיר כמעט קיין מענטשן נישט באַגעגנט. פון איין זייט האָט זיך געצויגן אַ בערגיקע געגנט, ווו ס׳האָט זיך דורך אַ פאַרטיפונג ווייך אַדורכגעשניטן אַן אַלט־מאָדישער לאָקאָמאָטיוו, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ זיידענעם רויך.

פון דער אַנדערער זייט וועג איז געלעגן אַ זאַמדיקער טאָל ווו קינדער האָבן זיך געשפּילט, און פון וואַנען ס׳האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַן אויסמיש פון יונגע קולות, וואָס האָבן זיך, ווי גלעק־לעך, געיאָגט אין אַ ריטמישן געלויף.

פאַר די אויסן־שטעטישע הייזלעך האָט זיך דאָ און דאָרט גע־פּאָרעט אַ מענטש מיט גאָרטן־מכשירים אין די הענט. דאָס האָבן זיי ריין־געמאַכט דעם באָדן, אויסקאַרבירט דעם זאַמד פאַר די שטי־בער און אַלץ צוגעגרייט פאַרן אָנקומענדיקן פרילינג.

פון הינטער די פאַרהענגלעך האָט ערגעץ, דורך אַ שויב, אַרויס־געקוקט אַ פרויען־קאָפּ, זיך באַגעגנט מיט אונדזערע בליקן און פאַרשוווּנדן.

ס׳האָט מיך טיף געטאָגט די פאַרביטערונג אין האַרץ. מיר איז נישט איינגעגאַנגען דער דאָזיקער ערב־יום־טוב אין דער נאַטור. די אַלע לייטזעליקייטן פון יענעם פאַרנאַכט האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין מיר מיט פרעמדקייט און צערייצט מיין געמיט. איך האָב נישט

אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז מיר זענען אַרעסטאַנטן, וואָס געפינען זיך בלויז צייטווייליק אויף דער פריי; אפשר פאַרמישפּטע צום טויט, וועלכע וואַרטן אויף זייער לעצטער שעה...

פאַרטאָן אין אַזעלכע מחשבות, האָב איך געהערט ווי אלי האָט אָנגעהויבן אונטערצוברומען אויף זיין קאַפּ־שטים:

אָה, יעס! נו סאַממע ד׳איקסעלע,
נו סאַממע דעז איקסעלואַ

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. דער דאָזיקער רעפ־ריין האָט מיך צוריקגעפירט צו דער גוטער צייט, ווען מיר פלעגן זיך מיט יאָרן צוריק טרעפן אין אַ דאַך־שטיבל פון אונדזערס אַ פריינט און פאַרברענגען צוזאַמען די פרייע צייט.

אלי האָט דעמאָלט געהאַט אָנגעשריבן אַ פּאַראָדיע אויף אַ באַקאַנטן „שלאַגער", ווו ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט אויף אונדזער חשבון. די „איקסעלער", דאָס זענען געווען די חברה־לייט פון אונדזער קרייז, וועלכע האָבן אַלע געוווינט אין איקסעלער שטאָט־טייל. מיר פלעגן די פּאַראָדיע זינגען אין דער באַגלייטונג פון טומל־דיקע געלעכטערס און אונטער דער אָנפירונג פון מחבר אַליין.

אָבער אין איצטיקן מאָמענט האָט מיר די דאָזיקע אויפגע־לייגטקייט זיינע אויסגעזען גאָרנישט אויפן אָרט. ווען איך האָב אים דאָס געזאָגט, האָט זיין פּנים אויסגעדריקט אַנטוישונג.

— פאַר וואָס פאַרשטייסטו נישט? — האָט ער זיך אָנגעע־רופן — אַז ווי שווער ס׳זאָל אונדז נישט זיין אין דעם מאָמענט, וועלן מיר אַ מאָל באַטראַכטן דעם היינטיקן טאָג פאַר איינעם פון די גליקלעכסטע אין אונדזער לעבן. איך בין זיכער, אַז מער ווי איין מאָל וועלן מיר זיך זאָגן: ווו איז ער, יענער ליכטיקער טאָג, ווען מיר זענען אַרומגעגאַנגען פריי אויף גאָטס וועלט? ס׳האָט קיינער נאָך אונדז זיך נישט געיאָגט, מען האָט פאַר אונדזערע קעפּ

קיין פרעמיעס נישט געהאַט צוגעזאָגט. אַזוי וועלן מיר רעדן מיט בענקשאַפט פון איצטיקן מאָמענט. איז פאַר וואָס זאָלן מיר זיך פאַרדאַרבן די שטילע פרייד, וואָס מיר פאַרמאָגן נאָך דערוויילּ?

עס דערמאָנט זיך מיר די צייט, ווען איך האָב געפלעגט פירן אויף אַ שפּאַציר מיין קראַנקן פאָטער. איך האָב שטאַרק געליטן צוליב זיין אומבאַהאָלפנקייט. ס׳זעט אויס נאַריש, אָבער ס׳איז אַ מאָדנע געפיל: יעדער שפּאַן, יעדער טראָט, דאָס אויסדרייען זיך אין דער ווינדע, דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט פיינלעכע שוועריקייטן, מיט אָנשטרענגונגען, וואָס זאַמלען זיך אָן און ווערן פאַר דיר אַ שווערע לאַסט. אָבער איין מאָל, געדענק איך, האָט מיר עפּעס אויפגעבליצט אין מוח, און איך האָב מיר געזאָגט: צי וועט דען נישט קומען אַ מאָל אַ צייט, ווען איך וועל דערמאָנען מיט דער גרעסטער בענקשאַפט די טעג, ווען איך האָב געהאַט די פרייד צו גיין מיטן פאָטער שפּאַצירן? וואָס וואָלט איך נישט היינט אָוועקגעגעבן, אַז איך זאָל זען מיין פאָטער נעבן מיר, אַפילו אַ קראַנקן און אַן אומבאַהאָלפענעם, וועלכער קען זיך אַליין נישט באַוועגן און מ׳דאַרף אים פירן יעדן טריט? אָבער אַזאַ גליק איז שוין היינט פאַר מיר נישט צו דערגרייכן...

איך האָב מיך איבערגעגעבן דער מוזיק, וואָס איז געלעגן אין זיין קול, און וועלכע איז געווען מער איבערצייגעוודיק ווי זיין לאָגיק. איך האָב אַליין נישט באַמערקט ווי איך האָב מיך, נאָכטראַכטנדיק, אָפּגעשטעלט אין מיטן גיין. אויך ער איז געבליבן שטיין נעבן מיר. מיר האָבן שווייגנדיק געקוקט אין דער זייט ווו די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין. און מיט פאַמעלעכע טריט, ווי מיר וואָלטן מורא געהאַט נישט צו פאַרשוועכן עפּעס אַ הייליקייט, זענען מיר, אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, אָנגעקומען צוריק אין דער שטאָט, ווו ס׳האָבן זיך געוויזן די ערשטע אָנגעצונדענע פייערלעך אין די שויבן.

זעקס חדשים שפּעטער איז ער אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון

יענער אונטערוועלט, וואָס האָט אַ מאָל געטראָגן דעם נאָמען „דייטשלאַנד״.

ער איז געווען דער פ ר י י נ ד, כאָטש ער האָט שטענדיק אויסגעמיטן צו רעדן וועגן פריינדשאַפט. ער האָט זיין פריינדשאַפט אַוועקגעשענקט מיט דער ברייטער האַנט, פונקט ווי דער קינסטלער קאַרגט נישט זיין טאַלאַנט און פרעגט נישט, צי איז איינער דאָס ווערט.

און ער האָט אויך ליב געהאַט דאָס לעבן אויפן שטייגער פונעם קינסטלער, וואָס האָט ליב זיין העלד, דערפאַר ווייל ער פאַרשטייט אים און ער טראָגט אים אוים אין זיך.

אין מיטן אויפבלי איז ער געוואָרן אַרויסגעריסן פון לעבן און ער האָט נישט באַוויזן צו געבן דעם פאָלק די גאַנצע מאָס פון זיין געטריישאַפט און באַגאַבונג.

און ווייל דער גורל האָט דווקא אים אויסגעקליבן פאַר אַ קרבן צווישן אונדז, לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַזויערנאָך אומגעקומען פאַר אונדזערטוועגן.

דער טאג־בוך
פון א זעכצן־יעריקן עילוי

משה פלינקער

(1944 — 1926)

צייכענונג פון פנחס קאַלענבערג

בשעת דעם באַזוך אין בריסל פון פאַרשטאָרבענעם ישראל־פרעזידענט בן־צבי און זיין פרוי רחל ינאית, איז פאָרגעקומען אַזאַ עפּיזאָד:

אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען די אָפיציעלע פערזענלעכקייטן זענען געווען פאַרטאָן אין די פראָטאָקאָלאַרע צערעמאָניעס, האָט די פרעזידענטין זיך אַרויסגערוקט פון צערעמאָניע־זאַל און זיך געהייסן אָפּפירן צו דער דירה, ווו ס'האָט געוווינט אין דער אָקופּאַציע־צייט די מישפּחה פלינקער.

ווען בריסעלער יידן זענען שפּעטער דערפון געוווייער געוואָרן, זענען זיי געווען איבערראַשט. ווער פון זיי האָט דען געוווּסט, אַז אין אַ הויז אויף רי קאָלאָנעל פּיקאַר, אין בריסעלער שטאָט־טייל סקאַרבעעק, האָט געוווינט, בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, די מישפּחה פלינקער?

די, וואָס האָבן זיך שפּעטער פאַראינטערעסירט מיט דער זאַך, האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ הויזגעזינד פון ניין נפשות, וואָס איז אַנטלאָפן פון האָלאַנד קיין בעלגיע אין צוויי און פערציקסטן יאָר און דאָ געלעבט „לעגאַל” אויף אַרישע פּאַפּירן.

טאַטע־מאַמע מיט זיבן קינדער האָבן געהאָפט צו דערלעבן די באַפרייונג. אָבער אַנדערש האָט געוואָלט דער גורל. ערב פסח ה' תש"ד, — דעם 7טן אַפּריל 1944 — איז זייער דירה באַפאַלן געוואָרן פון געסטאַפּאָ־לייט אין דער באַגלייטונג פון זשאַק מסור [1]. ס'האָבן נישט געהאָלפן זייערע אַרישע פּאַפּירן. אויפן טיש זענען געלעגן מצות און אין דער קיך האָט זשאַק מסור געפונען פליש, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זאַלצן. דאָס אַלץ האָט גענוג און גענוג

עדות געזאָגט, אַז דאָ וווינען יידן און זיי האָט שוין קיין זאַך נישט געקענט אָפּראַטעווען.

זיי זענען אַלע געוואָרן דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, ווו זיי זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער-טויט. אַחוץ צוויי שוועסטערן מיט אַ ברודער, וועלכע האָבן ביי זייער צוריקקומען געפונען אין קעלער פון הויז דריי העפטן, אָנגעשריבענע פון זייער אומגעקומענעם ברודער משה.

די דאָזיקע העפטן, וועלכע דער זעכצן-יעריקער משה פלינקער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין די ערשטע טעג נאָך זיין אָנקומען קיין בריסל, זענען שפּעטער געוואָרן אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „יד ושם" אין ירושלים, אין יאָר תשכ"א — 1961 — אונטערן טיטל „הנער משה".

✶

פאַרשיידן איז דער גורל פון די טאָג-ביכער פון יידישע מאַרטירער-קינדער, וואָס זענען ביז היינט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער וועלט.

יידן, צי נישט-יידן, האָבן געלייענט, צי געזען אין פילם אָדער אין טעאַטער דאָס טאָג-בוך פון אַננאַ פראַנק. ניי-אויסגעבויטע דערפער טראָגן דעם נאָמען פון דאָזיקן יידישן מיידל פון האָלאַנד. אַ נאָמען, וואָס איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַר דער מענטשהייט, און וואָס דאַרף באַדייטן: דורך יידישע ליידן צו מענטשלעכער געליטערטקייט; דורך יידישער פּיין צו אייביקער פאַרברידערונג.

און אָט ליגט פאַר אונדז אַ ספר׳ל, געשריבן אין אַ לומדישן לשון קודש פון אַ זעכצן-יעריק יידיש יינגל פון בעלגיע און כמעט ווי מען ווייסט נישט דערפון. אַפילו צווישן יידן אין בעלגיע, ווו דאָס זעלטענע יינגל האָט געלעבט, געחלומט און געליטן, זיך פאַרטיפט אין זיינע טראַכטענישן און אַרויסגעבראַכט אין שריפט

זיינע זעונגען, איז דער דאָזיקער טאָג־בוך ביז היינט געבליבן אומבאַקאַנט.

אַזוי איז אמת דער מאמר חז״ל: הכל תלוי במזל, אפילו ספר תורה שבהיכל [2]. און פון דעסטוועגן, וואָס פאַרא שלל מאַטעריאַלן פאַרן היסטאָריקער פון יידישן אומקום אין מערב־אייראָפּע! וואָס פאַרא מאָמענטן פון דערהויבנקייט, פון תמימותדיקער צידקות ביי אַ יונג יידיש בחורל, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אין סאַמע אויפבלי פון זיין לעבן!

✶

משה פלינקער הייבט אָן צו שרייבן זיין טאָג־בוך דעם פיר און צוואַנציקסטן נאָוועמבער 1942.

נאָך די ערשטע שורות, אין וועלכע ער פאַרצייכנט, אַז ער איז געבוירן אין האַג „די קעניגלעכע שטאָט פון האָלאַנד״, ווו ער האָט געלעבט „שטיל און מנוחהדיק״, גיט ער איבער פּרטים וועגן דעם אַנטלויפן פון זיינע מישפּחה־לייט פון האָלאַנד און זייער אָנ־קומען בשלום קיין בעלגיע, וואָס הגם דאָס לאַנד איז אויך געווען באַזעצט פון די דייטשן, איז זיי אָבער דאָ געווען לייכטער אַדורכ־צוגיין אומבאַמערקט, ווייל אין דעם לאַנד האָט זיי קיינער נישט געקענט פון פריער.

מיר זעען באַלד, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פרי־אויפגעוואַכטן גייסט, וואָס, געפינענדיק זיך אין מיטן דער טויט־געפאַר, זוכט ער צו דערגרייכן די פאַרטיפונג פון זיין וויסן און די לייטערונג פון זיין נשמה.

און נאָך דעם ווי ער באַקלאָגט זיך, וואָס די ביכער, וועלכע ער האָט די מעגלעכקייט צו לייענען, שטילן נישט זיין גייסטיקן דורשט, גיט ער צו:

„...און דערפאַר, ווייל איך גיי ליידיק, האָב איך מיר צונויפגע־

שטעלט דעם דאָזיקן העפט אַריינצוברענגען אין אים מיינע גע־דאַנקען און צו פאַרצייכענען וואָס איך האָב געטאָן. אויף אַזאַ אופן וועל איך יעדן אָוונט מיר קענען אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן דעם, וואָס איך האָב אוועקגעטאָן אין פאַרלויף פון טאָג און מיט וואָס ער איז מיר אַדורך".

לעבנדיק אין אַ כסדרדיקער שרעק נישט אַנטדעקט צו ווערן פון די דייטשן, איז ביי אים פון דעסטוועגן גרויס די פרייד, ווען ער דערוויסט זיך פון זיין פאָטער, אַז ס'געפינט זיך אין בריסל אַ געהיימע ביבליאָטעק, ווו ער וועט קענען באַקומען ביכער צום לייענען. אונטער דער דאַטע פון 26סטן נאָוועמבער 1942, שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך:

„אין בריסל איז פאַראַן אַ יידיש־העברעיִשע ביבליאָטעק, וואָס געהערט צו דער קהילה. דעם אַדרעס האָט מיין פאָטער באַקומען פון אַן אַנדערן ייד. ווען מיין פאָטער האָט מיר געגעבן דעם דאָזיקן אַדרעס, איז דאָס פאַר מיר געווען פונקט ווי איך וואָלט געפונען אַ גרויסן אוצר... פון דאָרטן ברענג איך מיר יעדן זונטיק העברע־יִשע ביכער, אַ דאַנק וועלכע איך האָב די מעגלעכקייט צו אַנט־וויקלען מיינע קענטענישן אין עברית און אויך אין אַלגעמיינעם וויסן".

ווייטער פאַרצייכנט ער, אַז ער פאַרברענגט די טעג מיט לייענען און אַליינלערנען. ער גיט דערביי אַן אויסדרוק זיינע גע־דאַנקען וועגן לעבן, פאָלק, ארץ־ישראל, מענטשן, רעליגיע, יהדות, קריסטלעכקייט אאַז"וו. ער לעבט טיף איבער די פיבערדיקע אומרויִקייט פון זיינע פינף שוועסטערן און זיין יינגערן ברודער און באַזונדער ליידט ער דערפון, וואָס ס'הערשט נישט קיין שלום צווישן זיינע עלטערן, וועלכע פירן כסדר צווישן זיך מחלוקתן וועגן דער פראַגע: בלייבן אויפן אָרט, ווו מען קען יעדן טאָג ווערן צוגענומען פון די דייטשן, אָדער בעסער לאָזן זיך אויפן אומ־זיכערן וועג, וואָס קען אפשר דאָך דערפירן ביז צו דער שווייצאַ־

רישער מדינה. ער דערציילט, אַז ער טרעפט אין גאַס יידן, וואָס מיינען, אַז מען דערקענט זיי נישט און סיי ווי גייען זיי אַדורך די גאַס ווי געיאָגטע חיות. ער, משה, איז זיכערער מיט זיך, ווייל ער האָט אין טאַש אַרישע פּאַפּירן, אָבער זיין געוויסן פּלאָגט אים דערפאַר:

„און יעדעס מאָל, ווען איך טרעף מיך אָן אויף אַזאַ ייד, פרעג איך מיך: משה, וואָס טוסטו פאַרן דאָזיקן ייד? איך פיל מיך פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר יעדער צרה און איך פרעג מיך צי איך נעם נאָך בכלל עפּעס אָן אָנטייל אין די ליידן פון מיין פאָלק".

לעבנדיק אין פרומקייט און אָפּגעהיטנקייט, איז ער, דורך זיין אַהבת־ישראל, מהרהר צוליב דער גרענעצלאָזער יידישער פּיין:

„די צרות אונדזערע שטייגן שוין אַריבער אונדזערע זינד. איך בין זיכער, אַז דורך די ליידן, וועט קיין איין ייד אַפילו נישט פריי־מער ווערן. פאַרקערט, מ'וועט זאָגן, אַז ס'איז גאָר קיין גאָט נישטאָ אויף דער וועלט. איך האָב דאָס שוין געהערט פון אַ סך יידן".

ער פאַרטיפט זיך אין זיין טראַכטן און וויל דערגיין, צי די היינטיקע ליידן זענען בלויז אַ המשך פון די פריערדיקע, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ מאָל, אָדער זיי טראָגן אַן אַנדערן כאַראַקטער. ער קומט צום אויספיר, אַז הגם דער רושם פון גזירות ספרד, גזירות ת"ח אאַ"וו, איז געווען געוואַלטיק גרויס, אַ באַווייז די פאַלשע משיחים, וואָס די צייטן האָבן אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך, קען מען אָבער נישט מישפּטן לויטן איינדרוק, ווייל ס'טרעפט, אַז קלענערע געשעענישן מאַכן אַ גרויסן איינדרוק און פאַרקערט.

ער געפינט דעם עיקר חילוק פון אַ מאָל ביז היינט אין דעם, וואָס אין דער צייט, ווען פריער האָט מען געפייניקט יידן פאַר זייער אמונה, פאַרפאָלגט מען זיי היינט סתם, ווייל זיי זענען געבוירן געוואָרן יידן, און פונקט ווי דאָס געזעץ פאַרווערט צו גנבענען, אַזוי באַפעלט עס צו רודפן יידן.

איצט שטעלט ער די פראַגע, פאַר וואָס גאָט דערלאָזט צו דעם און ער ענטפערט, אַז אַזוי ווי יידן זענען דאָך פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד פאַר זייערע זינד און קיין תשובה האָבן זיי נישט געטאָן, קענען זיי נאָר צוריקקערן, ווי דער נביא האָט געזאָגט, דורך די זינד פון די שונאים, וואָס פאַרפאָלגן זיי.

אָבער ער זעט אַ געפאַר, אַז יידן אַליין וועלן נישט זיין מרוצה צו גיין קיין ארץ-ישראל:

„דאָס איז מיר שוין אויסגעקומען צו הערן פון יידן אַליין. ווען איך האָב געפרעגט אַ באַקאַנטן: וואָס, מיינסטו, וועט זיין ווען די מילחמה וועט זיך ענדיקן? האָב איך כמעט שטענדיק געהערט, אַז אַלץ וועט זיין ווי געוועזן. מיר וועלן בלייבן וווינען צווישן די פעלקער, וואָס מיט זיי האָבן מיר פריער געלעבט צוזאַמען. אָבער גאָט וויל דאָס נישט, דעריבער האָט ער זיי אַרויסגעצויגן פון זייערע שטעט ווו זיי זענען געווען איינגעפונדעוועט פון לאַנגע יאָרן און איצט וועלן זיי זיך שוין אומקערן אין אונדזער הייליק לאַנד ישראל".

דעם זיבעטן דעצעמבער שרייבט ער: „ס'איז דאָס פינפטע חנוכה-ליכטל. איך ווער נישט מער אויף קיין ניסים. יעדן טאָג כאַפּט מען יידן. די עלטערן קלערן זיך אַוועקצולאָזן קיין שווייצאַריע".

ער טראַכט, אַז ס'איז נישט קיין תכלית אַרומצוגיין ליידיק, און הגם דאָס לעבן איז איינגעשטעלט יעדע מינוט, מוז מען אָנהייבן זיך צוצוגרייטן צו עפּעס, און ער קומט צו אַ באַשלוס, אַז:

„דאָס בעסטע פאַר מיר וואָלט געווען צו ווערן אַ... פּאָליטיקער. יאָ, אָבער נישט סתם אַ פּאָליטיקער, נאָר אַ יידישער מנהיג אין ארץ-ישראל. ווייל איך מיין, אַז הגם מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן על פי נס, וועט אָבער אונדזער איינאָרדענען זיך אין לאַנד מוזן ווערן אַדורכגעפירט גאָרנישט מיט קיין ניסים.

ס'איז פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין, אַז די גלותדיקע מענ-

טאַליטעט פון אונדזער פאָלק וועט זיך נישט ענדערן אין איין מאָל. אַפילו נישט אין פאַרלויף פון אַ גענעראַציע. צו דעם וועלן נייטיק זיין גאַנצע דורות. און דערויף וועט מען דאַרפן האָבן מענטשן, וואָס זאָלן וויסן צו פירן דאָס פאָלק אין די וועגן, וואָס ברענגען צו דער באַפרייונג פון גייסט".

און קוים נעמט ער אויף זיך צו ווערן אַ מנהיג ביי יידן, וויל ער זיין ראוי דערצו און ער הייבט אָן צו אַרבעטן איבער זיך. ער זוכט זיך צו באַפרייען פון זיינע שלעכטע מידות, וואָס איינע פון זיי איז די שוואַכקייט אַריינצוקומען גיך אין כעס.

„איך דאַרף לערנען פון זיין (משה רבינוס) ליכטיקן ביישפיל. איך בין פון דער נאַטור אַ כעסן. אָבער דורכן ביישפיל פון דעם מאַן, וואָס איך טראָג זיין נאָמען, וועל איך מיך שטאַרקן און גובר זיין מיין דאָזיקע טבע".

ער האָט גרוים שיברת הלב דערפון, וואָס ס'הערשט נישט קיין שלום צווישן זיינע עלטערן, און ער דריקט אוים זיין שאַרפע אַנטיפּאַטיע צו דעם קלאַס פון שדכנים ביי יידן, וואָס נאָר זיי זענען שולדיק אין די דאָזיקע שטוביקע מחלוקתן:

„די דאָזיקע הענדלערס פון ליבע, דאָס געפיל, וואָס איז, לויט אַ סך חכמים, די דערהויבנסטע זאַך אויף דער וועלט, אויף זייערע קעפּ ליגט די דאָזיקע זינד".

דעם 18טן דעצעמבער פאַרנאָטירט ער, אַז ער האָט אָנגע־הויבן צו לערנען אַראַביש:

„איך לערן נישט די דאָזיקע שפּראַך סתם, ווייל זי געפעלט מיר, נאָר דערפאַר, ווייל אַ גרויסער טייל פון די איינוווינערס פון ארץ־ישראל און אירע שכנים רעדן די שפּראַך און פאַר דעם ציל, וואָס איך האָב מיר געשטעלט, איז מיר דאָס שטאַרק נייטיק... קודם־כל וועלן מיר דאַרפן לעבן בשלום מיט אונדזערע ברידער, די בני ישמעאל, וואָס זיי שטאַמען אויך פון אַברהמען. די עקסצעסן

פון פאַר דער מילחמה טאָרן זיך נישט מער איבערחזרן. איך בין זיכער, אַז די געוועזענע אומרוען, זענען געווען אינספּירירט פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד אָדער פאַשיסטישן איטאַליע, און אויף זייערע קעפּ וועט פאַלן די שולד פאַר די יידן, וואָס זענען אומגעקומען דורך די אַראַבער".

אָבער אין דער אייגענער צייט, וואָס ער איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, צי ווען ער מאַכט פּלענער אויף דער צוקונפט, הערט ער נישט אויף צו טראַכטן וועגן יידן, סיי די פאַרשיקטע און סיי די, וואָס באַהאַלטן זיך און וואָס יעדן טאָג פירט מען אַ סך פון זיי אַוועק. זיין צוגעבונדנקייט צו זיי וואַקסט מיט דער פאַרמערונג פון די פּורעניות, און זיין געוויסן פּלאָגט אים, וואָס ער קען דערווייל לעבן אין אַ האַלבער זיכערקייט. דאָס גיט אים נישט קיין רו, און די מינדסטע דערשיינונג ברענגט אים אַרויף אויף שאַרף־וויטיקלעכע געפילן.

אין בלעטל פון 24סטן דעצעמבער שרייבט ער:

„דאָ אין בריסל האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער. ווען איך בין אין דער פרי אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט די קעלט און באַלד האָב איך געטראַכט: וואָס וועלן טאָן מיינע ברידער אין דער דאָזיקער קרירה?

...ניין, ס'איז נישט מעגלעך, אַז גאָט זאָל אַזוי פאַרלאָזן זיין פאָלק... ער איז געצוווּנגען אונדז אויסצולייזן".

און ווי די דאָזיקע „זיכערקייט" פון זיין מישפּחה זעט אויס, באַקומען מיר באַלד אַ בילד אין זיין בלעטל פון כ"ח טבת. ער דערציילט דאָרט ווי זיי זענען אין אָוונט געזעסן ביים טיש און אַקעגן האַלבער נאַכט האָבן זיי פּלוצעם געהערט אַ קלונג ביי דער הויזטיר:

„מיר האָבן אַלע אויפגעציטערט. מיר האָבן געטראַכט, אַז ס'איז געקומען די מינוט, אַז מיר זאָלן אויך זיין צווישן די געכאַפּטע... די מוטער האָט זיך שוין גענומען אָנטאָן די שיך. דער

פאָטער האָט געזאָגט, אַז מען זאָל נאָך וואַרטן ביז מען וועט קלינ־גען צום צווייטן מאָל. אָבער מער האָט מען נישט געקלונגען. א דאַנק גאָט איז אַלץ אַדורך בשלום. אָבער די שרעק איז איבערגע־בליבן און אַ גאַנצן טאָג זענען די עלטערן געווען צערודערט, זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דעם מינדסטן שאָרך".

און צוזאַמען מיט דער טיפער באַזאָרגטקייט און שטענדיקן אומרו, וואָס באַגלייטן זיינע אַלע געדאַנקען, גיט ער אויך אַן אויסדרוק זיינע סענטימענטאַלע בענקשאַפטן. אַזוי פאַרטרויט ער דעם טאָג־בוך זיינע באַזונדערע זאָרגן פאַר צוויי יוגנטלעכע, מיט וועמען ער האָט געלערנט צוזאַמען אין אַ יידישער שול אין האַג:

„אין דער דאַזיקער שול האָב איך געהאַט צוויי געשטאַלטן, וואָס זיי האָבן פאַר מיר סימבאָליזירט דאָס יידישע פאָלק. איינע איז געווען אַ מיידל, וואָס איך האָב ליב געהאַט, און וואָס איך ליב זי נאָך היינט. מיר האָבן קיין מאָל נישט אויסגערעדט קיין וואָרט צווישן זיך. און פון דעסטוועגן האָב איך דערפילט אין אירע בליקן אַ ליבשאַפט צו מיר. ווער ווייסט ווו זי געפינט זיך היינט?

שטענדיק, אין מיין פריערדיקער צייט, ווען איך טו גאָרנישט און איך פאַרטראַכט מיך נאָר, שטעלט זיך איר געשטאַלט פאַר מיינע אויגן. זי דערשיינט פאַר מיר אין איר גאַנצער שיינקייט... און ווען איך זע זי, דערזע איך נעבן איר מיין טייערן חבר פון האַג. מיט אים פלעג איך אָפט שמועסן צוזאַמען אין דער פרייער צייט. ער איז געווען אַ ליבער בחור מיט אַן אויפריכטיק גוט האַרץ... און ווען איך דערמאָן מיך אָן די צוויי כשרע נשמות, וויין איך אויף אונדזער גורל... און איך פרעג מיך: ווו זענען זיי איצט? ווו גע־פינט זיך איצט מיין פאָלק, גאַנץ פאָלק, דאָס אויסגעקליבענע צווישן די פעלקער?"

✶

איבער די מעדיטאַציעס און השתפכות-הנפשן, מיט וועלכע דאָס דאָזיקע טאָג-בוך איז פול, ציען זיך אַדורך, ווי שטענדיקע באַגלייט-וואָלקנס, די ידיעות וועגן געכאַפּטע יידישע מישפחות מיט זיבעציק-יעריקע זקנים, פרויען און קינדער, קראַנקע און געזונטע.

און ווען ס'הייבן אָן צו קומען פון פראָנט דערפרייענדיקע ידיעות, האַלט ער, אַז קיינער פון די „רוצחים און גזלנים" וועט נישט אַרויס קיין זיגער אין דאָזיקן מוראדיקן שטרייט, נאָר די מילחמה וועט פירן דערצו, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד.

און רעדנדיק וועגן נקמה אין די יידישע שונאים, וויל ער נישט, אַז מען זאָל פון דעם פאַרשטיין, אַז יעדער ייד, וואָס קען נאָר האַלטן אַ געווער אין האַנט, זאָל אָנפאַלן אויף אַ דייטש. ווייל אויף אַזאַ אופן וואָלטן יידן באַדאַרפט נקמה נעמען אָן דער גאַנצער וועלט, ווייל ס'איז נישטאָ קיין פאָלק און קיין לאַנד, וואָס יידן זאָלן נישט האָבן פון זיי געליטן צרות צרורות.

„ניין, ברידער — שרייט ער אוים — אונדזער נקמה וועט זיין די אויפלעבונג פון אונדזער לאַנד און דער צוריקקער פון אונדזער געליבט פאָלק אין דעם לאַנד פון זיין אַרבונג. דאָס וועט זיין די גרעסטע נקמה, וואָס מיר זענען בכוח צו נעמען".

✶

אין די לעצטע בלעטלעך געפינען מיר אַ ציקל תפילות, וואָס משה פלינקער האָט אָנגעשריבן אין זיינע עקסטאַטישע מאָמענטן. ער פאַרענדיקט זיין טאָג-בוך מיט אַ בלעטל, וואָס טראָגט דעם טיטל: „צווישן טאָג און נאַכט", פון וועלכן מיר ציטירן פאָלגנדיקע שורות:

„איך זיץ ביים פענצטער און בין מיך מכוון צו דאַוונען מינחה. איך קוק גלייך פאַר זיך און איך זע ווי דער האָריזאָנט איז רויט און דער הימל איז באַדעקט מיט בלוטיקע וואָלקנס... פון וואַנען קומען די־דאָזיקע וואָלקנס?... און מיט אַ מאָל ווערט מיר אַלץ קלאָר. האָסטו שוין פאַרגעסן דיין פאָלק און זיין אומגליק? באַלד גייען מיר אַרויף אין הימל פאַרן כיסא הכבוד און מיר וועלן פרעגן: ווי לאַנג נאָך וועט ער צערענען אויפן פאָלק, וואָס ער האָט אויס־געקליבן?... שוין צוויי טויזנט יאָר ווי מיר געבוירן קינדער צום אומגליק... צי ווילסטו שוין אויף אייביק אונדז פאַרגעסן, גאָט פון ישראל?... אייל דיך צו מיט דיין הילף, ווייל נאָך אַ ווייל און ס׳וועט זיין צו שפּעט”.

*

מיט די שורות פאַרענדיקט זיך דער טאָג־בוך פון משה פלינקער.

מיר האָבן שוין אויבן געזען ווי ער זאָגט פאָר, אַז די מילחמה וועט זיך ענדיקן מיטן צוריקקער פון פאָלק אין זיין לאַנד.

און דער גרויסער ענגלישער ניצחון ביי טריפּאָלים, אַנשטאָט אים צו דערפרייען, ווי אַלע יידן, ברענגט ער אים אַרויף אויף טרויעריקע געדאַנקען. ווייל — זאָגט ער אין דעם זייטל פון כ׳ בשבט ה׳ תש״ג — נאָכן ענדגילטיקן זיג וועט אויפן אָרט פון דער דייטשער צרה אויפ־שטיין פאַר יידן די וועלט־צרה: ווייל דעמאָלט וועט דער אַנטיסע־מיטיזם נישט פאַרבלייבן אין די גרענעצן פון די באַזיגטע, נאָר ער וועט זיך אַריבערכאַפּן אין די לענדער פון די זיגערס. צו די אומענד־לעכע קריזיסן פון נאָכן קריג וועט מען זיך דאַך נייטיקן אין אַ שול־דיקן, און ווער קען בעסער טויגן צו דעם ווי דער ייד?

נישט בלויז געפינען מיר אין די דאָזיקע בלעטלעך די פּרוכט פון אַ רייף־דענקענדיקן מוח, נאָר מיר ווערן אויך נשתומם פון דעם וויזיאָנערישן בליק, וועלכן משה פלינקער האָט אַרויסגעוויזן, זייענדיק נאָך כמעט אַ קינד.

מיט זיין אָפּגעהיטנקייט און אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צום פאָלק וועט ער אויף אייביק בלייבן פאַר אונדז דאָס הייליקע בחורל פון סקארבעעק.

1. זיין נאָמען איז געווען איציק גאָגלאָווסקי. זשאַק מסור — ווי יידן האָבן אים גערופן — איז געווען די שרעק פון די בעלגישע יידן. ער פלעגט זיך אויפהאַלטן ביי דער געסטאַפּאָ און „אַרבעטן“ מיט זיי ווי אַן „אייגענער“. ער פלעגט זיי דינען פאַר אַ „ספּעץ“, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אידענטיפיצירן אַ ייד.

2. אַלץ ווענדט זיך אָן מזל, אַפילו אַ ספר תורה אין היכל.

זאך־רעגיסטער

א

„אויסבעסערקעס" 70, 72
„אויפן פריפעטשאָק" 117
אוישוויץ 22, 34, 35, 170
אוישוויצער לאַגער 31, 35
אוליאַנאָווער, מרים 42
„אונדזער ישוב" 143
„אונדזער ראַיאָן־צייטונג" 17
אוקראַינע 5
אייזנשטאַדט, שמואל, פּראָפּ' 73
„אַלע לידער" 80, 90, 108
אַנטווערפּן 9, 10, 19, 20, 23, 32, 35,
140, 143
אַנטיסעמיטיזם 179
אפּער־אַפּאַטשינסקי, בינה 42, 49, 50
אַראָנאָוויטש, אַברהם 73, 95, 98
ארץ־ישראל 172, 174, 175

ב

באַגונער פּאַלק 65, 79
באַיקאַט־קאָמיטעט 131
„באנדיגראַף" 70, 108
ביבליאָגראַפיע 108
ר' בינעם פון פשיסכע 60
„בלוטיקער דאָנערשטיק" 133
בלומענפעלד 142
בן־צבי 169
בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע 25
בעלגיע 9, 11, 17, 19, 21, 31, 32, 34,
139, 140, 141, 144, 150, 151, 161,
169, 171
בעלזשעץ 133
בערגעלסאָן, דוד 68, 80
בראַצלאַווער, ר' נחמן 48
בראָדערזאָן, משה 45
בריסל 9, 10, 21, 23, 25, 32, 142,
143, 148, 152, 170, 171, 172

ג

גאָלד, ד"ר 21
גאָלדפאַדען, אַברהם 116
גאַליציע 31
גאָנטאַר, א. 79
גאָרקי, מ. 119
גולי אשכנז 60
גזירות־ספרד 173
גזירות ת"ח 173
געבירטיג־קאָמיטעט 119
געלערנטער, פישל, הרב 154
גענקין, דוד 107
גראבער, חיהלע 118
גראָסבאַרט, הערץ 142
גרינבלאַט, טוביה 88

ד

דאַנילעוויטש, הערשעלע 42, 73, 76, 77
„דאָס וואָרט" 49
דאסענער קאַזאַרמע 20

דובזשעצער פּאַרשטאָט 77, 82
דזשיגאַן 108
„די יידישע וועלט" 80
„די יידישע פּרעסע" 20, 21, 143
„די יידישע קולטור" 68
דע ברוקער 129
דעטאַנדט 153, 155
דראַמקרייזן 20

ה

האַג 171, 177
האָלאַנד 169, 170, 171
האָפּשטיין, דוד 79, 107
האַראַנטשיק, צירל 73
האַראַנטשיק, שמעון 42, 73, 76, 77
הירשקאָן, צבי 68
„הנער משה" 170
העברעאישע אויפשריפטן 52
העברעאישע ביכער 172

ו

וואָלף, יוסף 133
וואמפּיעזשאָוו 31
וואַנדערוועלדע, עמיל 141
וואַרשאַווסקי, מאַרק 116, 117
וואַרשע 17, 41, 43, 50, 51, 52, 55, 57, 59, 94, 97
ווייטער, א. 68
ווילניא 66
ווערנער, יעקב 140 158

ז

זאַנדבערג, פריידע 73
זאַקס, מענדל 76
זבאָנשין 22
זילבערשטיין, בינה 31, 35
זעלבסטשוץ 99
זשאַק מסור 169, 180

ח

חברה קדישא 151
חנניה, מישאל און עזריה 17

ט

טאָגביכער פון אלי קובאָוויצקי 143—156
טיטשינא, פּאַוולא 79
טענענבוים, מ. 158
טערקלטויב 155
טריפּאָלי 179

י

„יד ושם", ירושלים 170
„יוגנט וועקער" 31
יוגנט־טעאַטער 19
יום־כיפּור 147
יוסף דילא ריינה 18
„יידיש בוך", וואַרשע 41
יידיש־העברעאישע ביבליאָטעק 172
יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צ"ק פון פּוילישע יידן 119
ינאית, רחל 169

כ

כאלאים־גאראדאק 99
כאשטשעוואצקי 79

ל

לאַגיעוּוניקי 130
לאַגער פון וויטעל 131
לאָדזש 43, 45, 76
לאָורינענקאָ, אַנדריי 66
לודוויגסהאָפּער לאַגער 140, 158
לוטאָמירסק 42
ליאַכאָוו 97
„ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן
פאָלק" 132
„ליטארט" 10
לייוויק, ה. 104
ליעזש 32
„ליקוטי־מוהר"ן" 48
לעוויטאַן, מ. 97
„לע פּעפּלע" 141, 143
לעווקאָוויטש, איטשע 73

מ

מאַטל פּייסי דעם חזנס 124
מאלין 22, 151, 157
מאלינער זאַמל־לאַגער 143
מאַרגאָלין, ד"ר 45
מאַרמאַר, אַדעל 106
מאַרקיש, פּרץ 68
מייזיל, נחמן 68, 80
„מיינע לידער" 119
מיריאמס, ע. 158
ר' מענדעלע פון רימינאָוו 44
משה רבינו 175
משיח 104

נ

נאָווינקע 66
„נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ" 41
נאָמבערג, ה. ד. 77
„נאַראָדאָוואָלצעס" 66
ניימאַן, מאָלער 133
ניסתר, דער 68

ס

„די סאָכע" 116
„ס'ברענט"! 119, 131
סקארבעעק 169, 180
סקולסקי 160

ע

עפּשטיין, שכנא 103
„עקספּרעס" 49
עריק, מאַקס 108

פּ

פּאַגראָמען 99, 106, 107
פּאָטאָשינסקי, משה 118
פּאַלעסטי 17
פּאַריז 17, 19, 20, 144
פּוילן 19, 20, 34, 43, 52, 104
פּיקאָן, מאלי 118
„פּעסימיסטן־זעלבסמערדערס" 77
„פּרימוס נאָקטיס" 20
פּרץ, י. ל. 17, 46, 77
פּרץ־שולן 10, 19, 25

פֿ

„פֿאָלקיזם" 71
„פֿאָלקסבלאַט" 49
„פֿאָלקסטימלעך" 115
„פֿאָלקסצייטונג" 103

פוקס, חיים לייב 42
פייערבערג, מרדכי זאב 45
פערד 82, 83, 84, 89
פראַנס, אַנאַטאָל 147
פראַנק, אַנאַ 170
„פריינד פון יידישער ליטעראַטור און קונסט“ 21

צ

צוויר, ה. (יעקובאָוויטש) 20, 21
צונזער, אליקום 116
ציאַנאָווסקע, סאָניע 84
ציאַנאָווסקע, רחל 66
„די צייט“ 17

ק

קאָוואַלסקי, הרב 17
קאַזשימיעזשער פאָרשטאָט 113
קאָלאָדני, יאָסעלע 118
קאליש 42, 69, 70, 76, 84, 88, 91, 95, 102, 105
קאלישער יידיש 71
קאָנאָפּניצקאַ, מ. 90
קאַנטאָר, מענדל 154, 155
קאָסאָווער ישיבה 42
קאָסרילעווקע 53
„די קאַפּעליע“ 11, 20, 21, 22, 23
קאַצענעלסאָן, יצחק 45, 131
„קאָרטשאַק“ 87
„קובא“ 141
קובאָוויצקי, אברהם צבי 148
קוויטקאַ, לייב 68, 79
קויפּטייל, קובא 114
קושנירעוו, א. 79
קיעוו 68, 75, 80, 86, 97, 98, 99, 103
קיפּניס, משה 118
קלעטשעווסקי, יצחק 73, 75, 97, 104
קראָקע 113, 119, 130, 131
קראָקעווער געטאָ 20, 113, 131, 132

ר

ראדאשיצקי, י. ח. 42
ראַוויטש, מלך 31
ראָזען, יהודה לייב 140
ראָזענבלום, דבורה 118
ראַסין, שמואל 79
ראַפּאַלאָווקע 65
ראפשיצער צדיק 44
רוסיש 84
רוסישער דראַגונער 72
רוסלאַנד 41
„רייזעלע“ 126
רינגעלבלום, עמנואל, ד״ר 75
„רינגעלבלום אַרכיון“ — 41
רעוואָלוציע 103, 104

ש

שאר, משה 118
שארלערואַ 32
„שול און דערציונג“ 25
שומאַכער 118
שטיקערײ־פּאַבריקאַציע 70, 71
שטשארס 79
שלום עליכם 53, 124
שפּיגל, ישעיה 42
„שפּאנען“ 70, 71

ת

תנ״ך 149

אינהאַלט

צוזאַמען געשאַפן — צוזאַמען געפאַלן 9
ד״ר י. ב. ציפּור 17
ביניש זילבערשטיין 31
פּרץ אָפּאָטשינסקי 41
אשר שוואַרצמאַן 65
מרדכי געבירטיג 113
אלי קובאָוויצקי 139
דער טאָג־בוך פון אַ זעכצן־יעריקן עילוי 169
זאַך־רעגיסטער 183

פון זעלביקן מחבר

דערשינען:

„דער שונא אין די מויערן"

גרייט צום דרוק:

„השונא בתוך החומות" — **העברעישער טעקסט פון פראָפ' ש. אייזנשטאַדט;**

„L'Ennemi dans les Murs" — **פראַנצויזישער טעקסט פון מחבר;**

„ממעמקים" — **אַ ציקל פּאָעמען;**

„בלעטער פון יידישער געשיכטע אין בעלגיע";

„פאַר שול און היים" — **לידער מיט נאָטן;**

„זיכרונות".